STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01650

MAYN TATE DER SOYFER

Yosef Hilel Levi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף הלל לעווי

מיין טאַטע דער סופר
און אנדערע פּאעמעס

לאָנדאָן 1949

פאַרלאַג י. נאַראָדיצקי און זין, 129־131 קעוועל סטריט, א.1

MY FATHER THE SCRIBE
AND OTHER POEMS
J. H. LOWY

Copyright: J. H. Lowy, London

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון
עטלעכע גוטע פריינט מיינע, וואָס האָבן מיר
אַביסל גרינגער געמאַכט דעם שווערן עול עס
אַרויסצוגעבן.



ישראל דוד הלוי

מיין טאטע דער סופר

מיין טאטע דער סופר

This book once owned by a South African reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.

Printed by The Narod Press (T.U.), 129/131, Cavell Street, London, E.1.

מיין טאטע דער סופר

מיין טאטע איז שטיל ווי די גע̇לע יריעות
אויף וועלכע ער שרייבט טאָג און נאכט,
און דאַר ווי די פעדער וואָס ער האָט צום שרייבן
פאַרן הייליקן ספר געמאַכט.

עס לייענען די יידן די תורה הקדושה
מיט חדוה און יראה און שרעק,
נאָר קיינער עס לייענט ניט די שטומע יסורים
פון זיינע פאַרגאַנגענע טעג....

ער האָט דאָרט זיין ווייטיק אריין ניט פאַרשריבן
נאָר טיף אים אין הארצן פאַרמאַכט,
דאָך וויינט ער ארוים פון די הייליקע שורות
אין חצות אָפט פאַרבענקט און פאַרשמאַכט.

און ס׳שוועבן די בכיות פון ארון הקודש
ארויף צו דער שכינה מיט פיין, —
עס קושט זיי דאָס פלעמל פון פרומען נר תמיד
מיט ציטריק פאַראומערטן שיין.

און ס׳עפנט די שכינה דעם ארון הקודש
און טולעט צום הארצן מיט וויי —
די הייליקע ספרים און וויינט אויף די יידן
ווייל ס׳גליט דאָרט דאָס הארץ טיף פון זיי....

עס איז זיך זיין איינזאמער לעבן מתודה
פון דחקות און תשוקות בסוד, —
מתפלל בלחש ביים בורא עולמים
פאַר זיך און זיין אומה אויף גנאָט...

מיין טאטע איז שטיל ווי די גע̇לע יריעות
אויף וועלכע ער שרייבט טאָג און נאַכט,
און דאַר ווי דער פעדער וואָס ער האָט צום שרייבן
פאַרן הייליקן ספר געמאַכט.

זיינע טעג

און אַרום זיך זיין נשמה
וויקלען ווי רציעות, —
זיינע טעג די טרויריק פרומע,
זאָגן אים נביאות...

און זיי זיינען אים מגלה
פון די שיר־עולמות;
און דעם עתידם פיינען אַלע
מיט משיח׳ם מלחמות...

ביז ער בלייבט פאַרציטערט זיצן
פון אַ טיף באַגערן,
אין די אויגן טרערן בליצן,
און אין האַרצן שטערן...

און ער פילט עס ווערט אין מידן
האַרץ דער ווייטיק קלענער,
ווייל דעם עתיד פון די יידן
זעט ער ווערן שענער...

ווי אַ שטערן אנגעצונדן...

פונעם תהלים און מעמדות,
האָט זיין קול זיך אויפגעהויבן, —
לייכט געשוועבט ווי ווייסע טויבן
טיף אין הימל פון אגדות.

און ווי גרויסע פולע טרויבן
פון דער זון צעפּורפּלט צייטיק, —
איז געהאַנגען רייף זיין ווייטיק
אָן דעם הענקל פון זיין גלויבן...

ס׳האָט ווי מאָרגן־טוי מיט בלומען —
סוף און אָנהויב זיך פאַרבונדן,
ווי אַ שטערן אָנגעצונדן
פון זיין האַרץ ארויסגעשיינט;
יעדן ליב אַרום גענומען
כאָטש אין אים האָט אַלץ געוויינט...

די אייביקע סיבה...

זיין הארץ וואס דעם רצון געווען איז ממלא
פון גאט, האט געלייכט ווי דער „אורים ותומים", —
ווען ס'איז זיין נשמה געוואָרן נתעלה
צו ברענגען דעם סוד פון דעם בורא עולמים.

און ווען ז'איז צוריק פון די הייליקע דרכים
געקומען באהאפטן מיט רחמים און ליבע;
האבן מגלה געווען אים מלאכים
פון הייליקן שוויגן די אייביקע סיבה...

דער ניגון וואס קאן ניט דאס וואָרט זיינס געפינען,
דאס וואָרט וואס עס קאן ניט געפינען זיין ניגון, —
פארבלייבן עס מוז אזוי לאנג נאך אנטשוויגן;
ביז ס'ווערט ניט צעשטראלט פון א געטלעכן זינען
ווייל ס'הייליקע וואָרט קאן ניט קיינמאל אויסדרינגען —
ביז ס'ווערט פון געפיל און געדאנק ניט צעזינגען...

טרויריק זיין לעבן באטראכט...

זיין בליק איז פארציטערט פון לעבן אין סכנות
זיין טרער לייטערט אוים אים פון שרעק,
זיין אומעט א טיפער געפיל פון רחמנות
אין יעדערנס הארצן באוועגט.

זיין קול איז פארשווינגן מען הערט עס נאר זעלטן
ווען ער איז מקדש א שם,
עס קלינגט אזוי טיף ווי צעזונגענע וועלטן
פון יידישן אומקום און קלעם...

די ציטריק פאראומערטע שכינתא בגלותא
איז תמיד פארקניפט מיט זיין צער,
און קושט אין זיין ספר די שורות די זיסע
באשענקט אים דערפאר מיט א שכר:

פון הייליקע קוואלן מיט טרערן וואס פליסן
פארחלומט געהיים און פארבענקט,
וואס קאן זיי קיין מענטש אויף דער וועלט דא ניט וויסן —
נאר דער וואס ער האט זיי געשענקט...

די אותיות שטיל מיט די תגין זיי שיינען
אַרוים פונעם פּאַרמעט אָן שרעק, —
אַזויווי די אויגן פון פּנים זיין ריינעם —
געגערבט פון די ביטערע טעג...

די פּרשות של ראש און של יד — די סמנים
פון פאָלק וואָס עס קען ניט קיין פריד
ער שרייבט זיי — עס איז דאָך אַן עדות זיין פּנים —
פון בלייכע, דאָס בלייכסטע ביים ייד...

און פרום איז זיין חדר פון מענטשן פאַרגעסן
פון גאָט נאָר מלאכים באַוואַכט, —
איך בין דאָרט מיין יוגנט די גאַנצע געזעסן
און טרויריק זיין לעבן באַטראַכט...

דער ניגון...

אַ בענקשאַפט אַ צאַרטע, אַ ווייכע, אַ שטילע,
שוועבט אום אין זיין חדר מיט זיידענע פליגלן,
און נעמט אים אַזויווי אַ טרויריקע תפילה
דעם קוואַל אין די אויגן פון טרערן אויפריגלן.

ער האָט זיך אין טלית פון אומעט פאַרבאָרגן
אַזויווי די זון אין די וואָלקן פון הימל,
און איבערגעלאָזן פאַראיינזאַמט דעם מאָרגן
אַזויווי דער אָסיען אָן שימער דאָס בלימל...

די פעדער פאַרשוויגן זי שטעקט אין דעם טינטער,
די פּרשיות אָפן צום שרייבן זיי ליגן,
נאָר היינט איז דער צדיק פאַרחלומט — ניט מונטער,
ווייל ער האָט פאַרגעסן אַ הייליקן ניגון...

און ס'איז זיך זיין פרומע נשמה מתנצל,
און זוכט זיך אין הייליקן זוהר אַ תיקון,
און בעט זיך דער בורא עולמים זאָל מציל
זי זיין פון דעם צער וואָס איז שווער און מסוכן...

ווייל ס'האָט ניט קיין מענטשנס נשמה די זכיה
דבקות צו האָבן דורך צער מיט דער שכינה, —
אַ צדיק'ס נשמה זי קאָן אָן עליה
נאָר האָבן דורך חדוה און גילה ובְרינה

און פּלוצים עס ווערט זיין נשמה נתעלה,
און ספּאַלט אויף זיין גוף דעם פאַרשלאָפטן אַ דרימל, —
און ס׳איז אים דעם סוד פון נגינה מגלה
אַ הייליקער מלאך מיט שירה פון הימל...

דו ביסט אַ סופר פון הייליקע תורות

עס איז אַזוי בענקענדיק האַרציק דאָס שטיבל
כאָטש ס׳וויינען די נאַסגרויע ווענט,
דער טאַטע זיצט פרום פאַר אַ ספר געבויגן
אַ לעמפּעלע טרויריק זיך ברענט.

און הילט אין אַ ליבלעכן שיין איין זיין פנים
וואָס איז ווי דער פאַרמעט פאַרגעלט,
עס ציטערט אין מאָגערער האַנט אים די פּענע
וואָס שרייבט די יריעה געקוועלט.

אָט הייבט ער זיין אויג אויף, עס שעפּטשען די ליפּן
און טרערן עס גיסן זיך פיל, —
ביינאַנד מיט די ווערטער וואָס ער איז מקדש
דעם הייליקן שם אין דער שטיל....

און איך זיך דערנעבן באַוווּנדער זיין לעבן
און גלויב עס מוז געבן אַ שכר, —
אַ דו ביסט אַ סופר פון הייליקע תורות!
דיין זון איז אַ זינגער פון צער...

קושן יעדעס אות!

פאָטער אַ איך ווער אַ שפּל
ווען דו קוקסט און רעדסט צו מיר,
די עמודים פון דיין ספר
זענען טיפער פון מיין שיר...

נאָר וואָס זאָל איך שלאָפער טוען
מיט מיין אָרעם קליינעם וואָרט,
כ׳וועל עס הייליקן און קניען
פאַר דיין יעדן אות, און אָרט —

ווּ דו ביסט אַמאָל געזעסן
מיט דיין ריינער פּען אין האַנט;
און געפּערלט אין דיין ספר
יעדע שורה אַ בריליאַנט.

און ניט זינגען מער קיין לידער
דו ביסט פרום און טיף און גרויס —
אין דיין ספר זיך איינוויקלען
קושן, קושן, יעדעס אות...

אַזוי־ווי אַן איינזאַמער שטערן...

עס ברומט אַזוי הייליק זיין האַרץ בין השמשות,
ווען טיף צווישן אָוונט און מאָרגן עס שוועבט —
זיין ציטריקער חלום פאַרבלייכט פון בקשות
אין גאָלדענעם טלית פון דעמער פאַרוועבט.

באַפליגלט מיט ווייטע, פאַרבענקטע געדאַנקען,
עס גליט זיין נשמה אין צער און אין פּיין,
איך זע אין זיין האַרצן צוויי זונען וואָס צאַנקען,
ניט אויפגיין קאָן איינע — די צווייטע פאַרגיין...

אַזוי־ווי מיט טיפקייט פאַרוועבט ס׳איז אַ ברונען,
זיין גרויסע נשמה מיט גאָט איז פאַראיכט....
און דאָרטן עס גילדן אַריין זיינע זונען,
און שטראַלן אַרוים מיטן אייביקן ליכט...

עס איז ניט זיין גורל מגלה צו ווערן,
נאָר אייביק בסתר צו לעבן געקוועלט, —
אַזוי־ווי אַן איינזאַמער ליכטיקער שטערן
וואָס גאָט האָט צו זיין ניט אַנטפּלעקט אויסדערוועלט...

צי ווייסטו מיין זון דען וואָס שמות באַדייטן?...

עס איז אַזוי שפּעט שוין די נאַכט ליגט אין חדר,
און ווערט ניט פון חושכן מיד,
זיין אויג און זיין האַרץ ווערן וואַכער כסדר,
צוויי שכנים אינאיינעם פאַרבליט...

זיין אויג און זיין האַרץ ווערן שטילער און טריבער
ווען ער נאָר דערציילט פון אַמאָל;
זיין מאָגערער פּנים — ווערט בלייכער און ליבער,
פאַרדבקותטער, טיפער זיין קול...

עס שווייגט ווי אַ הייליקער עדות אַ פרומער
די גלעלע יריעה און הערט,
די שורות דערציילן בסתר מיט קומער
וואָס ער האָט ביים שרייבן באַגערט...

דער „קסת הסופר" ליגט שיינענדיק אָפן
מיט אַלע אזהרות און שרעקט, —
די מעשה שהיה אַזוי איז פאַרלאָפן,
ניט ווייט פונעם וואַלד אויפן וועג — — —

אַמאָל איז געשטאַנען אַ הייזל אַ קליינער,
פאַרחלומט פאַרסודעטערהייט,
דערזען דורך אַ פענסטערל האָט זיך אַ ריינער —
דער הימל, גאַנץ טיף אויסגעשפּרייט.

און דאָרט אין דעם קליינינקן הייזל דעם פרומען
זיין פאָטער דער רב האָט געוווינט,
דערנעבן געבליט האָט אַ גערטל מיט בלומען,
אַ טייכל מיט בוימלעך באַקרוינט.

און יעדן פרימאָרגן די זון פלעגט באַגינען
די פייגל צו שירה געוועקט,
האָבן די שטראַלן דאָס טייכל באַשפּינען,
דאָס הייזל מיט גאָלדשיין באַדעקט.

און דאַמאָלט דערוואַכט האָט זיין פאָטער מיט אימות
און באַלד די גמרא אין האַנט, —
גענומען צו לערנען זיין שיעור בשלימות,
און גלייך ווי אַ גרויסער בריליאַנט —

האָבן די אויגן פון הייליקער תורה
געלויכטן, געפינקלט ביי אים,
באַקוקן זיין פּנים געווען איז אַ מורא,
דאָך זיס אָבער הערן זיין שטים.

און איינמאָל די זון איז פון הימל פאַרשווומען,
דער ווינט האָט זיך ביטער צעקלאָגט,
האָט פאַר דער האַנט אים זיין פאָטער גענומען
און אים מיט א שמייכל געזאָגט:

מיין זון, דיין נשמה אין הימל דאָרט אויבן
האָט גאָט דיר מקדש געווען,
און הייליקע שמות ער וויל דו זאָלסט שרייבן
א סופר ביי יידן דאָ זיין.

צי ווייסטו מיין זון דען וואָס שמות באַדייטן
געשריבן מיט הייליקן כתב? —
אויף אייביק מיט גאָט זיך אין רחמים פאַרקייטן,
מיט יעדן זיין עמוד און דף....

אוי טאַטע, — ער האָט אים געענטפערט ברמעות
און ס'האָט אים געשווינדערט פאַר קעלט,
זיין פאָטער געשמייכלט האָט אַלץ נאָר משמעות
ווי ער וואָלט פאַר אים זיך פאַרשטעלט...

עס האָבן די תנאים אַרויס דאָך געגעבן
דעריבער א תענית בתנאי —
אַז ס'זאָלן די סופרים מלמדים נאָר לעבן
דאָ מוזן אין דחקות און וויי...

זיי זאָלן זיך מאַטערן טיף אין עניות
און שפלות מיט הייליקן מוט, —
און קיינמאָל ניט זאָגן קיין שווארצע נביאות,
נאָר אַלעם אָננעמען פאַר גוט...

און ס'קאָן דאָך אויך טרעפן בשגגה חלילה
א פרשה בלייבט פסול אמאָל,
איז ווער קאָן דאָס נעמען אָן כיוון אפילו
אויף זיך אזא חטאת הקהל?...

צי מיינסטו א מרא־דאתרא איז בעסער,
ס'איז קלענער ס'אחריות, די פיין?
אזעלכענעמס פלייצעס דאַרף זיין מוזן גרעסער
פון יעדנס, אַלץ סובל צו זיין.

באלד מאכט א דין תורה זיך, באלד גאר א שאלה,
און באלד קומען גזרות ס'ווערט שלעכט,
א מרא־דאתרא מוז יעדן ממלא
זיין אלע בקשות — גערעכט...

זיין פאטער האט ווייטער געשמייכלט דערהויבן
אריבער זיין זון און זיין צער,
עס שאדט ניט, — ער האט אים געוויזן דארט אויבן —
וועט גרעסער זיין שפעטער דיין שכר...

דער צדיק פון זיך האט דעם עצבות פארטריבן
זיין זון נאר האט לאנג נאך געוויינט,
און ס'איז אים אויף תמיד א סוד נאר פארבליבן
וואס ר'האט מיט זיין שמייכלן געמיינט...

און גלייך ווי ס'איז דאמאלט פארבענקט מיט א ניגון
דער צדיק געווארן גאר שטיל, —
איז אויך דער סופר געווארן אנטשוויגן
זיין זון — מיט א הייליק געפיל...

און ווייטער געטונקלט אין חדר אין טריבן
עס האט אן אנאויפהער די נאכט,
און פרום האט מיין טאטע דער סופר געשריבן
די שכינה אויף אים האט געוואכט.

צעבליט ווי א בלימל...

דארט פרום אין דעם חלל, פארבענקט אין זיין חדר
פון שטילער קדושה זיין הארץ האט געוועבט, —
די ליכטיקסטע תשוקות, פארציטערט כסדר
אפילו ווען טיף ס'האט אין עצבות געשוועבט...

און איז ניט פאר קיינעם געווען מגלה
דעם ביטערסטן ווייטיק וואס ס'האט אים געפלאגט,
און אלץ נאר מקבל געווען באהבה —
בסתר, זיך קיינמאל פאר קיינעם געקלאגט...

זיין קינדהייט זי איז אים אין אומעט פארגאנגן,
זיין יוגנט אים האט פאר א זקן געמאכט,
דאך האט אים זיין עלטער געוועבט א פארלאנגן —
א בענקשאפט נאך אלעם וואס ער האט פארבראכט...

אזוי ווי אמאל אינעם פרילינג דער הימל
וואס לייטערט פון וואלקנדלעך אוים זיך פארזייט, —
אזוי זיין נשמה זיך האט ווי א בלימל
צעבליט, און פון נעפל פון לעבן באפרייט...

שמחת־תורה

אויף א ברעג פון בעט געזעסן
איז דער טאטע שטילערהייט,
אין זיין טילעפל דעם אלטן
איינגענורעט זיך געפרייט.

פון צעבראכנעם קאלטן אויוון
האט דער ווינט ארויסגעיאגט,
ווי ער וואלט זיך פאר רחמנות
אויף דעם טאטנס נויט צעקלאגט.

אינעם שטיבל האט א טונקל
לעמפל זיך געצאנקט, געברענט, —
און דער טאטע האט געווארעמט
זיך דערביי די בלויע הענט.

אויף זיין קינדיש בלאסן פנים
האט די שכינה ליב גערוט —
און פון שרייבן זיינע פינגער
האבן ווייטיקדיק געבלוט.

גרויסער בורא האט אין שטיבל
זיך זיין קול צעקלונגען ריין —
מארגן וועט דער לעצטער עמוד
שוין פון ספר פערטיק זיין.

אז דאס איז א גרויסע זכיה
ווייסט דאך יעדער אויף דער וועלט; —
אז ס'ווערט פערטיק א יריעה
ווי דאס הארץ זיך פרייט און קוועלט...

היינט א גאנצער ספר־תורה
ערשט ווען אנגעשריבן ס'ווערט, —
מוז אין הימל שמחת־תורה —
זיין נאך גרעסער ווי אויף ד'רערט.

און דער טאַטע האָט גענומען
דרימלען לאַנגזאַם איין פאַר פרייד,
אין זיין טילעפל דעם אַלטן,
איינגעווורעט שטילערהייט.

נאָך א תהלים אנגעשריבן...

אָפּטמאָל מיט אַ בליק אַ טריבן
און אַ האַרצן פול באַגערן,
האָט ער זיינע קינדעראויגן
פון דעם תהלים אויפגעהויבן, —
ציטערדיק מיט שרעק פון טויבן,
מיך געפרעגט ווו וועל איך ליגן
צווישן פרעמדע דאָ פאַרבלייבן?...
ס'שטייט בפירוש דאָך געשריבן:
„ושכבתי עם אבותי"...
איז אַ זכיה כאָטש אַ גוטן —
שכן נאָכן טויט צוקריגן...

און די דייטשע ערט איז טרפה
ניט קיין טריט אויף איר צו שטעלן,
און דאָס פאָלק איז פול מיט רשעות —
ווי עמלק לאַנג אַמאָל;
הערט ניט אויף צו גאַרן, וועלן —
נאָר צו ברענגען אַלץ אַ שרפה,
אויף דעם גאַנצן פאָלק ישראל!

און ער איז פאַרשטומט געבליבן,
איינגעטליתט טיף אין פיינען,
און אַ שווערן זיפץ געגעבן;
מיט אַ שטראָם פון הייסע טרערן —
נאָך אַ תהלים אָנגעשריבן...
אויף זיין תהלימל דעם קליינעם.
און דאָס איז דער תוך געוועזן
פון זיין הייליק גרויסן לעבן,
וואָס אים קאָן ניט קיינער לייענען —
ווי מען קאָן ניט ציילן שטערן...

פאַרוואָס ?...

זיין ערשטע ווייב אין קימפעט ־שטיל איז אומגעקומען,
און אַן עופה'לע געלאָזן אים מיט פּיין,
און דאָס האָט אויך דער בורא באַלד צו זיך גענומען,
און ער איז פאַרבליבן עלנט און אַליין.

אַליין — און זיך אין ספר מיט זיין צער פאַרבאָרגן,
אין דעם קליינעם חדר פון די נאַסע ווענט,
ווו ער פלעגט צו שרייבן פונעם פריען מאָרגן —
אָפּט אַריין אין אָוונט מיט ציטערדיקע הענט.

אַזוי האָט ער פאַרטריבן די יוגנט פון זיין לעבן,
און האָט ער פון זיין חלום ווען אַמאָל דערוואַכט, —
האָט אים דורך זיין פענסטער א ווונק מיט שרעק געגעבן
דער קליינינקער בית־עולם און פון אים געלאַכט.

פון צעווישן הויכע און ווילדגעדרייטע גראָזן,
האָט זיין פאָטערס אוהל אַן אַלטער בוים באַדעקט, —
ער פלעגט פון דאָרט צוהערן דעם ווינט מיט צאָרן בלאָזן,
וואָס האָט פון שטיין די קוויטלעך אַרויסגעשלעפּט פאַרמעקט.

און ס'האָבן זיינע אויגן פרומע טרערנקוואַלן,
מיט זיין האַרץ געגאָסן — תפלות ־הייליק ־שטיל,
יאָ, דאָרטן ליגט דער צדיק וואָס איז פאַר צער געפאַלן —
לייענענדיק די קוויטלעך, אַרונטער פון זיין שטול...

און דאָ עס זיצט זיין יורש פאַרגאַרטלט טיף אין דלית
פערלט אין זיין ספר די שורות שטילערהייט,
פאַרוואָס האָט ניט פון שטראַלן געשענקט אים גאָט קיין טלית ?
נאָר געזען די צויטן וואָס הענגען פון זיין קלייד...

גאָט אין הימל טראַכט זיך...

אויף אַ טישל ברענט אַ לעמפּל זיך פאַראומערט טונקל,
טאַטענס שטיוול מיט אַ שטריקל צו אַ וויג איז צוגעשנירט,
און ער וואַרעמט זיך די הענט ביים אויוון אין אַ ווינקל,
אין דעם וויגל זויגט אַ קינד די פינגער זיך און ווייַנט און פרירט.

דער טאַטע ציט דאָס שטריקל, און ער וויגט דאָס וויגל. העכער—
ווערט זיין קול פון קינדס, וואָס ציטערן אים די ליפּלעך
פון געוויין;
און די מייזלעך ראַיען זיך פאַרהונגערט אין די לעכער,
נאָר די קאַץ זי פּוילט פאַר קעלט פון אויוון זיך אַראָפּצוגיין.

פון דעם קוימען קלאָגט און ברומט דער ווינט מיט צער
און טרויער,
אויף אַ שטרויזאַק ליגט די מאַמע געל און שפּייט מיט
בלוט איז קראַנק,
דער טאַטע וויגט דאָס וויגל, און ס'וויינט זיין קול פון זוהר —
ווי דעם שלאָפן קינד'ס מיט ציטער, עלנדיק און באַנג....

די מאַמע פון דעם שטרויזאַק זי שילט דאָס קינד — דו פרעסער,
וואָס דו נאָגסט אָן אויפהער אויס מיר ס'בלוט צו אַלדי
גוטע יאָר!
און גאָט אין הימל טראַכט זיך — וועלכעס קול ס'איז
גרעסער, —
וואָס דרינגט צו אים פון וויג, און שטרויזאַק, צי פון דעם
זוהר גאָר?...

הקדוש ברוך הוא

אויף פּרנסה האַרט פאַרביטערט,
פּלאָגט ער יעדן טאָג זיין ווייב,
נאָר זיין שוואַכע האַנט זי ציטערט
קוים מיט טרחה נאָך און שרייבט.

פאַר דיין הייזגעזינט, דיין ווילן —
מעגסט אַמאָל מבטל זיין,
ס'מוזן ניט אין אַלע תפילין
דיינע אייגנע פּרשיות זיין...

איידער ליידן הונגער, עובר
זיין איז גלייכער אויף אַ לאו;
ס'איז נאָך דאָ ווי דו אַ סופר —
וואָס ס'איז פּונקט ווי דיינס זיין כתב...

אמת, ביסט גערעכט דיר טאקע
אשה מיט דיין הויזגעזינט,
גיסט זיין קול בדממה־דקה —
זיך פאראומערט און עס רינט:

ליידט דען ניט אַ יעדע בריאה
ווערט געשטרויכלט אָפט אין צער, —
ווייסט דען ווער וואָס ס'איז מער זכיה,
דער נסיון, צי דער שכר? ...

אָבער איך חלילה גרייזן
דאַרף בדיבור ניט ווי דו, —
ווייל דיין הויזגעזינט צו שפּייזן
האָט הקדוש ברוך הוא...

אני מאמין

ווען דאָס האַרץ אפילו נאָגן
פּלעגט פון דחקות גויט צעברענט,
האָט דער טאַטע ניט געקענט
אויף זיין ליפּ קיין קללה טראָגן.

נאָר צום הימל אויפגעהויבן
זיינע דאַרע הענט, דעם קאָפּ, —
מיטן פּוס געטאָן אַ סטאָפּ,
אויסגעדריקט דערמיט זיין גלויבן.

אני מאמין — אַז די גאולה
וועט בקרוב בימינו —
קומען, האָט געוויינט זיין קול;
מוז עס דוירן נאָך אפילו,
ניט מסופק כ'בין חלילה —
קומען וועט זי דאָך אמאָל...

גלויבן געמוזט...

(מלך ראַוויטש'ן)

„תוכו כברו" — צעזאַמענגעפלאָכטן
איז תמיד מיט אים ווי דאָס ליכט מיט דער שכינה
געווען, ווען ער האָט פון זיין עצבות ברינה
אַרויס זיך געריסן און הייליק געלויכטן.

ער האָט מיטן שם זיך ביים שרייבן מסתמא
פאַר דבקות געגאָסן צעזאַם מיט באַגערן,
כאָטש אין זיין אויג זיך געשטעלט האָבן טרערן,
געוועזן זיין פּנים איז ברה כחמה...

פונאַנדערגעשפּרייט ווען די הענט ר'האָט פון ליידן,
רבונו של עולם, נו שיק שוין די גאולה,
צעוויגט האָט דעם חלל זיין הייליקע שטים,
און ווער ס'האָט אָן גאָט ניט געגלויבט, האָט אָן אים —
גלויבן געמוזט האָט אָן איינעם פון ביידן, —
דער טרוקנסטער כופר בעיקר אפילו...

ווי א נס אויף דער וועלט...

ווען כ'זע אים פאַרהילט אין זיין טלית
פאַרגאַרטלט אין שפּעלער נויט,
דאַן גלייכט ער זיין אייגענעם גאָט,
און דאַמאָלט פאַרשטיי איך שוין אַלעס.

קדושים ווען מ'האָט זיי געצויגן
צום שייטער אין ליידן פאַרליבט, —
האָבן אַזוי ניט באַטריבט
געבליקט, ווי ביי אים זיינע אויגן...

ס'איז פול מיט תמימות זיין גלויבן,
וואָס יעדערן מאַטערט און קוועלט
קאָן ער דערטראָגן אין שטילן, —
ער פילט וואָס ס'קאָן קיינער ניט פילן,
און לעבט איבער אַלעם דערהויבן,
אַזויווי א נס אויף דער וועלט...

ווייל דו האסט געזאגט א ליגן...

האָסט קיין תפילין ניט געלייגט
נאָר געזאָגט מיר היינט א ליגן,
מיט א יאושדיקן ניגון —
טאַטע זיך צעוויינט און שווייגט...

אין מיין גאַנצן לעבן מער
כ'וועל שוין ניט קיין ליגן זאָגן;
מיין געוויסן ניט פאַרטראָגן
טאַטע, טאַטע, קאָן דיין טרער...

אין רצועה דיר אריין
כ'האָב געמאַכט אַ קניפּ אין שטילן; —
נאָר דעם סוד אַרויסצוקריגן...
כ'וויין ניט ווייל דו האָסט קיין תפילין
ניט געלייגט היינט — נאָר איך וויין —
ווייל דו האָסט געזאָגט אַ ליגן...

ביים מגיה זיין דאס ספר

עס שוועבן די סדרות זיין אויג קוקט זיך איין
באַזעט יעדע שורה בשלימות,
דאָס ספר ליגט אָפן, דער פּאַרמעט איז ריין,
באַפּערלט מיט תגין די שמות.

אָט מישט זיך בראשית, און אָט נאָט וחי,
ווי ס'לויפן פאַרביי די יריעות,
ס'איז ווינטער, און ס'ליינט דער בעל קורא מיט מי,
און אָט — שוין בהעלתך נאָך שבועות...

ער שטעלט זיך אַ רגע, דאָס ספר בלייבט שטיל,
און בליקט פון דעם שלחן מיט קומער,
עס בעט מיך — אַ מיש ניט זיין אויג מיט געפיל
און לאָז נאָך אַ ווייל מיר דעם זומער.

און ביידע מיר בלייבן אַנטשוויגן און באַנג
און שטום ווי ביים מזרח דער עמוד,
און ס'הערט זיך פון פאָליש אַ שטילער געצאַנק
פון הייליקן קליינעם נר תמיד.

און ס'טראָגט זיך זיין אויג איבער בערג, איבער טאָל,
אַזויווי אַן אדלער אין ווייטן
און קומט צוריק מיט בלויקייט און טוי פון אַמאָל —
צעפינקלט פון העלערע צייטן.

און אָט די עץ־חיימס שוין ציטערן פון סניי,
מיר־מישן דעם ספר שוין ווייטער,
מיט יעדערן עמוד אַ וועלט לויפט פאַרביי,
דאָס אויג איז זיין טרייער באַגלייטער.

מיט שרעק און קדושה פארפולט זיך דאָס האַרץ,
די אויגן מיט טרערן פאַר זכיה,
די תגין און שמות באַגייט ער אויף שוואַרץ
און איז זיי מיט יראה מגיה.

אַ טאַטע, ווער ס'בליקט אויף דיין בלייכקייט אַצינד
וואָס רוט אויף דיין פּנים דעם פרומען,
דער ווייסט אַז מיר האָבן אַ זמן וואָס צעדינט —
פאַרמישט, וואָס קאָן מער שוין ניט קומען . . .

מיט תכלת ארגמן קאָלירן

דאָס חלבנע ליכטל האָט טונקל געברענט
און ער איז געזעסן אָן ווערטער, —
אַ מילדער, אַ שטילער, פאַרקלערטער,
אַז כ'האָב שוין מיין טאַטן אַליין ניט דערקענט.

און פּלוצים זיין קול האָט צום הימל דערגרייכט
פאַר טיפער קדושה און יראה,
ווען שרייבנדיק האָט ער געזונגען דערהייכט
אַרויס פונעם ספר די „שירה" . . .

אל שדי ער האָט זיך בסתר דערפילט
פאַרכשופט גאַר שטיל פון זיין ניגון,
וואָס האָט אין זיין אָרימען שטיבל ווי לירן, —
גאָר הייליק גענומען זיך וויגן,
זיין גרוילעכן דלות פאַרצירט און באַגילט,
מיט תכלת, ארגמן, קאָלירן . . .

דער לעצטער . . .

דיין פאָטער אַן איינזאַמער שטרומל וואָס רינט,
דיין מוטער אַן אייביק פאַרוויאַנעטער מאַי,
און דו־אַך זייער אָרים און עלנדיק קינד,
צי ביסטו ניט איינזאַמער טריבער פון זיי?

זייער לעבן אַ שטילע און אייביקע פּלאָג,
זייער בענקן אַ זון אונטער וואָלקן פאַרהילט,
און דו, אַך צי איז ניט דיין שאַפן אַ זאָג, —
אַזויווי אַ ווינטל פון אָוונט צעשפּילט?

דאָך גליט ער דער כח אין דיר נאָך פון זיי,
כאָטש אַלעם ארום איז באַגאָסן מיט פראָסט,
און ס'היט דיין נשמה פאַרשלאָסן דעם וויי —
וואָס ס'האָבן, די אבות דיר איבערגעלאָזט....

דיין פאָטער אָן איינזאמער שטרומל וואָס פליסט,
דיין מוטער פאַרשטויסן פון גליק און פון רו;
דו ווייסט דאָך אַליין ניט ווי עלנט דו ביסט,
זייער יורש — דער טרוויריקסטער לעצטער ביסטו!....

רבון כל העולמים

פון אָרימען בעקעשל יעדערע לאַטע
ארונטערגעהאַנגן וואָס איז מיט אַ צוויט,
האָט זיך גע'חבר'ט געטריי מיט דער נויט —
וואָס האָט פון דער קינדהייט געקאַנט נאָך מיין טאַטע...

מקבל באהבה געווען ר'איז דעם דלות,
עניות ואביונות מיט שפּלער פיין,
אין וועלכער געהילט ער האָט אָפטמאָל זיך איין —
ווי אַ מתבודד געהיים אין זיין טלית.

און איז ווען די טרעפּ פון די טיפע עולמות
זיין גרויסע נשמה אַריבערגעטרעטן
געלויכטן וואָס האָט ווי אַ קלאָרער ברילאַנט,
האָט זי בלחש אַ תפילה געבעטן:
רבון כל העולמים, אדון כל הנשמות,
אַ, הויב שוין מיט רחמים אויף אונדז אויף דיין האַנט.

קיינער וועט אונדז ניט בייקומען

פון די טוכלע ווענט די ביילן
האָבן זיך גענומען גיסן, —
מיט אַ ריח פוילבלעך מיאוסן
און פון נעץ אַראָפּצושיילן.

ס'האָט געשפּילט די וועלט אין תאווה
זיך מיט זון און בלום און ווינטן, —
ביי דעם עפּלבוים צעגרינטן
אויפגעפּורפּולט פון אהבה....

נאָר דער טאַטע ווי פאַרגעסן
איז מיט דבקות פול געזעסן
ביי דעם ספר פרום פאַרטיפט; —
און גענומען הייליק זומען:
קיינער וועט אונדז ניט בייקומען...
אין זיין הארץ האָט ס'בלוט געטריפט...

פון אור הגנוז זאַט...

ס'האָבן הונגער נויט ווי קרובים,
וואָס אַמאָל דערפילט זיך טרייער,
און דער אַלטער, קאַלטער אויוון, —
האָט געחלומט פון אַ פייער.

מאַמע מיטן הויך דערוואַרעמט
האָט זיך פון דער קעלט די פילנגער,
און געראַנגלט מיטן הונגער —
וואָס ס'האָט ס'גאַנצע הויז אומאַרעמט.

אויפן טאַטן נאָר קיין שליטה
קיינמאָל האָט די נויט דער דלות
אין זיין לעבן ניט געהאַט;
ווי אַ בלום אַ ווייסצעבליטע —
האָט אַרויסגעלייכט פון טלית,
ער פון אור אור הגנוז זאַט...

ווי אַן אדלער...

אויף זיין טישל די יריעה
אָפטמאָל פלעגט פאַרבענקט צו ליגן,
ווען געמאַכט ס'האָט אַן עליה
זיין נשמה און געשוויגן.

ווי אַן אדלער אינעם שוועבן
פלעגן זיינע אויגן גליען,
ווען ער פלעגט אין הימל פליען
שווייגנדיק זיין טרוים צו וועבן...

פלעגן קומען עצבות־קוואַלן
זיין בטחון צו באַזיגן
און פאַרוואָלקענען זיין גלויבן, —
איז ער ניט ביי זיך געפאַלן,
נאָר זיך העכער אויפגעהויבן
ווי אַן אָדלער און געשוויגן...

א זילבערן בינטל מיט ליכט....

עס האָבן פון סוף זיינע זינען
געשמייכלט געלייטערט פון שרעק,
געווען איז זיין לעבן א וועג —
גאָטס חסד נאָר אויסצוגעפינען.

און גלייך ווי א טל זיך צערינען
איז ציטריק זיין הייליקער קול, —
מקימי מעפר הדל,
זיך האָט מיט דער שטילקייט פאַרשפּינען...

ווי ס'שיילט פון א גרויסלעכער כמאַרע,
ארום זיך מיט מי און מיט נויט,
א זילבערנער בינטל מיט ליכט, —
אזוי האָט בקדושה וטהרה,
געוויקלט אַרום זיך פון טויט —
זיין הייליק געלייטערט געזיכט...

ווי דאָס שטיקל ברויט אין מויל. .

א פאַרבלייכטער פלעגט ער זיצן
ביי דעם ספר מיט געפיל,
מיט זיין פּענע פלעגט ער קריצן —
אויפן פאַרמעט הייליק שטיל.

דרויסן איז געוואַקסן העכער —
איבער פאַרקן, איבער פּלויט;
טיף דער שנייַ אַריבער דעכער,
און אין שטוב ביי אונדז די נויט.

פון א קראַנקן בעט פלעגט דרינגען
אין מיין האַרץ א קול פול לייד,
אויסנווייניק זוהר זינגען,
פלעגט דער זיידע בלינדערהייט.

און מיין מאַמע האָט פאַרציטערט
אינעם אויוון ס'שטיקל קויל, —
זיך געקאַרגט אַזוי פאַרביטערט
ווי דאָס שטיקל ברויט אין מויל.

אתחלתא דגאולה...

ביים פענסטער דאָס טישל דאָס לאָמע
זיך האָט פונעם אָרט ניט גערירט,
בשעת די קדושה דערשפּירט —
עס האָט פון זיין גרויסער נשמה.

דער טינטער, די פּען האָט געשוויגן,
דאָס תיקנדל פרום נעבן זיי,
בעת זיך דערהויבן ס'האָט פריי —
זיין קול מיט אַ הייליקן ניגון.

אויף איינמאָל מיט טיפער גדולה
האָט ברייט זיך צעעפנט זיין ברעם,
דאָס ליכט זיינס אַרויס איז געדרונגען...
באַשעפער, אתחלתא דגאולה —
האָט שטיל זיך אין חלל צעזונגען,
בקדושת וטהרת השם.

זיין שמייכל...

אָפט ווען דרויסן האָט געשלומערט
זילבערדיק די פרילינג־נאַכט,
אין זיין חדרל פאַרמאַכט
איז געזעסן ער פאַראומערט.

אותיות צענויפגעקליבן
ווי די בלימעלעך אין מאַי,
זיך געשפּילט פאַרליבט מיט זיי,
און אין ספר זיי פאַרשריבן...

איינמאָל בין איך אין זיין היכל
שטיל אַריין און ס'האָט געקניט —
פאַר זיין אומעט מיין נשמה...
טאַטע כ'דאַרף היינט דיין הסכמה;
כ'לייען דיר פאַר אַ סופּרליד,
לייען, — האָט געוויינט זיין שמייכל...

פסול...

פאַר אַ פּרשה איינגעבויגן
זיצט ער, עפּנט ווייט זיין ברעם,
פול מיט עצבות זיינע אויגן
קוקן אויף דעם פּסול'ן שם...

פּסול! — וועקט זיין קול דאָס שווייגן,
גיט אין האַרץ אים טיף אַ שניט,
אַז ס'ווערט פּסול נאָר איין פּרשה —
נעמט זי אויך די אַנדערע מיט...

אוי, ווער האָט דען אַן השגה,
ווי דער צער איז גרויס ביז גאָר?
ווען אַפילו אויך בשגגה —
מ'איז אַן אות מחלל נאָר...

און די מאַמע וויינט פאַר ווייטיק
האַלט זיך ביי דעם האַרץ דערנאָך;
אַכזר זאָג ווו וועט מען נעמען —
ווי מיר — אויף אַ גאַנצער וואָך?...

אין טאַטנס חדר

אין מיין פרומען טאַטנס חדר
פלעגט אַ מאָדנע שטילקייט ליגן,
דאָרט האָט ער זיין גאַנצן לעבן
שרייבנדיק פאַרטיפט געשוויגן.

יעדער עמוד מלא רחמים
פלעגט מיט שטילן צער און בושה, —
זיך צעווײַנען פאַר עניוות,
פאַר זיין יראה און קדושה.

די חפצים פון זיין חדר
האָבן הייליק איינגעזויגן, —
זיינע תשוקות און סבלנות,
בורעים זיך פאַר אים געבויגן.

זעלטן פלעגט זיין קול מחדש
זיין דאָס שווייגן מיט אַ ניגון,
פלעגט ער זיין אַ שם מקדש,
האָט ער באַלד דערנאָך געשוויגן.

אות ביי אות געטאַקט ווי פּערל,
אָנגעטאָן אין תגין קרוינען,
אָפּטמאָל פלעג איך פאַר זיין שווייגן
ווערן נבהל און נשתומם.

אַז די מאַמע פלעגט זיך קלאָגן
אויף איר דחקות וועלן תשובה,
פלעגט דער טאַטע אויך ניט מפסיק
זיין אַפילו במחשבה.

נאָר פון שחרית ביז צו מנחה
הייליק מיט דער פען געזעסן,
אָפּט פאַר בענקשאַפט און דבקות
ניט דעם גאַנצן טאָג געגעסן.

צו זיין עבדות אָפּגעגעבן
פלעגט ער זיך — אַ פעלדז ניט בייגן,
ביי מיין גרויסן טאַטנס לעבן —
האָב איך מיך געלערנט ס'שווייגן!....

מיינע לידער

איך אַ זינגער, דו אַ סופר,
פון די תורות כשר ריינע,
לייענען יידן זיי מיט יראה,
און ווער לייענט די לידער מיינע?...

ניט די גוטע פרומע יידן,
און אויך ניט די אפיקורסים, —
ניט איך בין ווי דו פאַרשוויגן,
ניט איך בין ווי דו מפורסים.

טייערער סופר מיינע לידער
האָבן טרויריקער געטראָפן, —
ווען איך לייען זיי וואָלט איך גערן
ווייט פון־מיר און זיי, אַנטלאָפן...

וואלט איך נאר געדארפן שווייגן

טאטע אַ איך ווער אַ שפּל,
ווען דו קוקסט און רעדסט צו מיר,
די עמודים פון דיין ספר
זענען טיפער פון מיין שיר.

וואָלט איך נאָר געדאַרפן שווייגן,
מער ניט זינדיקן געטאָרט;
בעטן אַז אויף מיר זאָל מגין־
זיין דיין יעדעס אות און וואָרט.—

פאַלן כורעים ווו געזעסן
מיט דיין פּען דו ביסט אין האַנט, —
און געפּערלט אין דיין ספר
יעדע שורה אַ ברילאַנט.

און ניט זינגען מער קיין לידער,
דו געוועזן ביסט גלייביק גרוים!
און געהייליקט מיט דיין לעבן
אין דיין ספר יעדעס אות...

איז געקומען ערב שבת

צער און צרות, נויט און דאגות,
אַלעם ליב און שטום פאַרנומען,
און די גאַנצע וואָך געוואַרט נאָר
אַז דער שבת זאָל שוין קומען.

איז געקומען ערב שבת
אין זיין חדר אָרעם טונקל, —
האָט די שכינה אויפגעלויכטן
אַז געשטראַלט האָט יעדעס ווינקל.

איז געקומען ער פון מרחץ
ליכטיק, זויבער, אויסגעצוואָגן,
אָנגעטאָן די שענסטע קליידער
וואָס ער פלעגט נאָר צופאַרמאָגן.

ס'האָט זיין בעקעשל געשימערט,
ווי פאַרשוווּנדן יעדע לאַטע,
כ'האָב דערזעען זיין הדרת פנים,
ניט דערקאָנט דאָס איז מיין טאַטע.

איז געקומען ערב שבת
האָט ער מיט אַ צער אַ זיסן, —
אָפּט פאַרזעצט פון שטוב אַ חפץ
אַז די מאַמע זאָל ניט וויסן...

זיינע בלויע קינדעראויגן
האָט אַ חדוה אָנגעצונדן,
און דער עצבות פון דערוואָכן
איז געוואָרן ווי פאַרשוווּנדן.

שבת קודש, שבת קודש,
איז דאָך ווידער שוין געקומען, —
האָבן זיינע טייערע ליפּצן
הייליק פּערלן זיך גענומען.

און די הענט די ציטריק דאַרע
האָבן אויפגעפּאַטשט פאַר פריידן,
און געלויכטן אויף זיין מראה
האָט די שכינה און סגן־עדן....

שיר השירים, שיר השירים,
האָט זיין שטימע אויפגעקלונגען,
ווי עס וואָל אַ פרייער פויגל
זיך צעטרילערט און צעזונגען.

חלות ווין געוואַרט אויף קידוש
אויף דעם שלחן וויים באַצויגן —
האָבן מיט דעם אַלטן בעכער,
אויסגעטאָקט מיט גאָלדנע טרויבן.

איז געקומען ערב שבת
האָט ער שטיל אַרומגענומען, —
זיינע לענדן מיט אַ גערטל
און דערוואַרט דער מלכה'ס קומען...

זכרונות

קומען טרויריקע זכרונות
קושן אים זיין פּנים בלאַס,
און פאַרווייטיקטע דמיונות
מאַכן אים די אויגן נאַס.

אָפּט מאָל ווען זיין הארץ וויל ריידן
פעלן אים די ווערטער שטיל,
ווען ער זוכט זיי אויסצומיידן,
קומען זיי ווי כוואַלעס פיל...

פון די תּהומות, ווי אַ טורעם —
הויב ער אויף זיך פון זיין אָרט,
ווען די כוואַלעס רוישן, שטורמען,
צו באַשיצן זיך פון וואָרט.

ס׳גיט אַ ציטער פון דמיונות
זיין נשמה אינעם לייב, —
און עס גראָבן די זכרונות
אוים זיין ערשטעס טויטעס ווייב...

אָפּגעגאַנגען אַ מהלך....
פול געווען מיט דאַנק און לויב, —
טאַקע ממש ווי אַ מלאך
נאָר אַזאַ מין פרומע טויב.

ניין, דאָס וועט שוין מער ניט געבן,
דאָס פאַרמאָגט ניט מער די וועלט,
פון איר צנועותדיקן לעבן
האָט אַ מצוות קוואַל געקוועלט...

די זכרונות ציען, שפינען
זיך און לויפן, גיך אַוועק, —
און עס נעפּלען אין זיין זינען
אויף אַמאָליק בלייבע טעג...

ווען ער ליינען פלעגט במתיקות
פאַר אַן עולם אין דער שול, —
איז זיין האַרץ פון מאָדנע תשוקות
אים געוואָרן איבערפול.

אין טלתים און עטרות,
שטייט דער עולם איינגעהילט ;
נאָר ביי אים מחשבות זרות
טאַנצן אום אין קאָפּ צעשפּילט...

פּלוצים וואַקסט ביי אים די שכינה
אין זיין האַרצן אוים אַזוי, —
ווי אין טייך אויף פעלדער גרינע
אַ באַ׳חנ׳ט אַנטבלויזטע פרוי...

פון איר פּנים פלאַמען גיסן
זיך און ס׳שימערירט און בלענדט,
און ער קוקט דערויף מיט זיסן
ציטער, ביז ער ווערט פאַרברענט...

און עס הויבט זיך רייציק, תאווּיק
אויף אַזוי איר ברוסט צעשטראַל, —
ווי זי וואָלט געוואָלט מזויג
זיין זיך מיט איר חתן באַלד...

צי דאָס איז זיין פרוי די ריינע
ערשטע, צי אַן אַנדערע פרוי ?
ווייס ער ניט, נאָר פּלוצים איינע —
ווערט אויםביידע גיך אַזוי...

און עס שמעקן אירע לאָקן
מיט גן עדן מירט באַצירט,
אַז עס ווערט זיין האַרץ דערשראָקן,
און זיין זינען ווי געריררט.

ביז ער נענטערט צו דער שכינה
זיך מיט זיידן ווייכע טריט,
נעמט ארום מיט פינגער דינע,
זי, און קושט איר יעדעס גליד.

יחוד, יחוד נעמט עס דרונגען
פול מיט דבקות אָן אַ רו...
יחוד, יחוד הערט ער קלונגען —
מיט הקדוש ברוך הוא...

ווי ער וואַלט פון טיפע ימים
ראַטווען זיך געוואַלט מיט מי,
גליען אין זיין הארצן פלאַמען
און עס וואַקלן זיינע קני...

ער איז כרת, חייב כרת!
ביטערט אויף אין אים אַ שטים, —
ס'ווינקט צו אים דאָס בית הקברות,
אַז עס ציטערט ס'הארץ אין אים.

אויף די זינדיקע געפילן
האָט ער לאַנגע נעכט באַדוירט,
תשובה נאָר געטאָן אין שטילן
און חדשים לאַנג געטרויערט.

קומען טרויריקע זכרונות
קושן זיין נשמה אויס, —
בלעטערט אויף זיך פון דמיונות
ס'הארץ זיינס, ווי פון זון אַ רויז...

צו דין תורה

גרויסער צדיק זיי מיר מוחל
אָפּטמאָל האָב איך פּשוט מורא, —
ס'זאָל דיין גוף ניט דיין נשמה
ווען רופן צו דין תורה...

ווייל צופיל דו האָסט געפּייניקט
מיט תענתים אים און סגופים,
וואָס אַ שטייגער ווען טענה'ן
אַז דער בית דין וועט דיך רופן?!

ווען זאָגן כ'האָב די ווערעם
ניט קיין מחיה אָנגעקליבן;
ואכלת, ושבעת,
שטייט בפּרוש דאָך געשריבן...

ווען טענה'ן ניט דאָס עסן
נאָר די ברכות גאָט וויל אויבן,
וועט ניט העלפן! ווייל אין קבר —
שטייט דאָך קאָן מען גאָט ניט לויבן...

און איך הער זיין מילדע שטימע
נאַריש קינד מיינס האָסט פאַרגעסן ; —
אַז כ'האָב אָפּטמאָל ניט פאַר דבקות,
נאָר פאַר הונגער — ניט געגעסן...

כרחם אב...

לייט זיי שיקן אַן שליחות
כ'וויל ניט ברענגען אויף דער צונג, —
אַז צו אַלדי גוטע רוחות,
גייט אַוועק דער גראָבער יונג.

אויפגעהאָדעוועט דערצויגן,
און דערלעבט די גוטע שעה,
שטעכט ער לייטן אויס די אויגן,
ווייל ער גייט לתרבות רע...

ווייס איך, — מער שוין קיין הצלחה
וועט ער ברענגען אונדזער הויז,
גיב אים צו אַ בעל מלאכה,
אָדער טרייב אים סתם אַרויס.

ווייל עס וועט די וועלט ניט שווייגן
לענגער צוזען אַזאַ זינד,
דיינע תפלין וועט ניט לייגן
וועלן מער קיין יידיש קינד...

דיינע ספרים וועט מען פּסל'ן
ליינען ניט אין גאַנצן גאָר,
זאָגן אַז דו ביסט אַ גזלן
ווי און ווינד צו מיינע יאָר...

ס'איז דיין שווייגן סם המות,
מיט דיין גוטסקייט נאָך בפרט...
ווייל דער יונג וועט אַן קאַטאָוועס
באַלד דערגיין שוין צו דער שמד...

אשה, — ניט אויף לייטן הערן,
מאַכן ס'אייגנע קינד צו שאַנד,
פרומקייט, זיך צו גאָט אומקערן —
ליגט ניט גאַנץ אין מענטשנס האַנט...

3

כאָטש די בחירה האָט געגעבן
גאָט הקדוש ברוך הוא;
יעדן מענטשן אין זיין לעבן
פרייען רצון נאָך דער צו...

כ'וועל אים ניט פון הויז פארטרייבן
אויפגעהעצט פון מענטשן בלינד,
זאָל ער וואָס ער איז פארבלייבן,
פאָרט אַן אָרעם אייגן קינד...

גיך אַ קינד אַרויסגעטריבן
ווי עס מאַכט דאָס אָפט דער רוב;
כאָטש בפרוש דאָך געשריבן
שטייט ביי אונדז — כרחם אב...

ווער ס'האָט באַקומען זיין ברכה

זיין פנים איז ליבלעך געווען, אַזוי ווי ביי טרויריקע קינדער,
זיין האַרץ האָט שוין ביטער געקוועלט זיך מיט צרות און קיינעם פאַראָטן,
זיין יוגנט אַוועק איז אין קלויז אים, אַזוי ווי אין אָוונט אַ שאָטן —
וואָס האָט ביי אַ יעדן אין האַרצן פאַרצונדן אַן אומעט באַזונדער,
און האָט זיך געוויגט מיט קדושה, געקושט די נשמה מיט וואונדער...

און היינט ערשט די פרומע, די בלויע, די כשרה יידישע אויגן,
וואָס האָט זיך גאַנץ אָפט ווען זיי האָבן געשמייכלט געדוכט אַז זיי וויינען;
און פלעגן אַזוי ווי די זון פון דעם הימל — פון וואָלקן צו שיינען,
זיין גוף איז געווען פון תעניתים געהייליקט, געזויבערט, געבויגן,
אַזוי ווי די הייליקע שכינה מיט יידישן צער אָנגעזויגן...

און האָט ער פאַרהילט זיך מיט יראה אין תפלין און הייליקן טלית,
האָט שטיל אויף זיין פנים זיין טיפע אמונה געשיינט און געלויכטן;
און האָט ווי אַ שטראַל מיט אַ בלימל זיך פרום מיט זיין בענקשאַפט פאַרפלאָכטן,
און ס'האָבן גערעדט פון זיין שטערן פון זוהר פאַרענטפערטע שאלות,
און ס'האָבן מלאכים פון הימל מגלה געווען זיינע מעלות.

רעד צו מיר ווייטער!

אָ רעד צו מיר ווייטער, די הייליקע ווערטער —
דערפילן מיט זיסער נחמה מיין זעל;
אָ רעד צו מיר ווייטער דו אייביק פאַרקלערטער,
דיין יעדערעס וואָרט ווי אַ זון מאַכט מיך העל.

אַ רעד צו מיר ווייטער, די הייליקסטע שמות,
דו ביסט מיר מפורש, און כ׳שווידער פאַר פרייד,
פון טיפער קדושה מיט טויזנטער אימות —
זוינגט איין מיין נשמה ווי טוי דיינע רייד.

עס עפענט מיין האַרץ זיך, דיין קול מאַכט מיך יינגער
און ס׳נעמט מיך אַ בענקשאַפט צום זיין ערשט אַרום,
אַ רעד צו מיר ווייטער דו געטלעכער זינגער;
דיין יעדערעס וואָרט איז פון גאַרטן אַ בלום...

איך הער ווי פאַרכשופטע האַרפן עס שפּילן,
לויים אַ צאַרטע בית־המקדש מוזיק, —
געלייטערט פון תשוקות מיט אדלער געפילן
איך שוועב צום פאַרגאַנגענעם עבר צוריק...

אַ רעד צו מיר ווייטער דערצייל מיר די שטילע —
די מעשיות און הויב אויף צום הימל דיין ברעם;
אין זינדיקן לעבן מיין הייליקסטע תפילה —
עס זענען די מעשיות פון גרויסן בעל שם...

מיין שפּלער אָרעם באַגרעניצטער שכל
וואָס ער איז ניט תופס — פאַרנעמט מיין געפיל;
אַ רעד צו מיר ווייטער דיין טרויריקער שמייכל
מאַכט שטיין פאַר קדושה מיין האַרץ אין מיר שטיל...

דורך סודות רמזים די מעשה מרכבה —
טראָגט אום מיך אין זוהר׳ס אומענדלעכן ים;
מיין כח־הדמיון און גייסט אש להבה —
גליט אויף ווי דער סנה טיף אַמאָל מיט זיין פלאַם.

אַ רעד צו מיר ווייטער מיט הייליקן ציטער
די כנפי־השכינה באַרירן מיך לינד,
מיך דוכט די פאַרגלות׳טע שכינה — דיין מוטער,
זי פרעגט מיך מיט טרערן: וואָס פעלט דיר מיין קינד?!

אַ רעד צו מיר ווייטער דו גולה עמוקות,
מגלה הקץ איז דיין הייליקער קול,
פון טיפער קדושה, פאַר צער און מתיקות
גייט אויס מיר מיין האַרץ ווי דעם צדיק׳ם אַמאָל...

דאס יידל ...

טאַטע זיצט פאַרטיפט ביים זוהר
אין מחשבות הייליק שטילע,
און זיין דבקות וועבט אַ טרויער —
וועלכער מורמלט אויס אַ תפילה...

מאַמע הייליק טייערע שכינה,
אוי ווי לאַנג נאָך וועסטו טרוירן, —
גלות שווערער, יידנשנאה,
אוי ווי לאַנג נאָך וועט איר דוירן?

שכינה וועט ניט פון יללות,
און איר בענקעניש אויפהערן;
ביז עס וועלן ניט פון גלות
אויסגעלייזט די יידן ווערן.

דרויסן ווערט די וועלט פאַרפאַלן
אין דער גסיסה פון ירידות,
און אין טאַטנס אויגן שטראַלן —
טרערן ווען ער זיצט בחידות...

כלו חיב, כלו זכאי,
יבוא־יומא — מוז עס קומען,
פליסט זיין קול בדממה דקה
ווי אַן אונטערטוי אויף בלומען.

פלוצים פון אַ טונקלער כמאַרע
ווי די זון ווערט אויפגעהייטערט,
ווערט דעם טאַטנס טריבע מראה
פונעם עצבות אויסגעלייטערט.

ב

אינדרויסן די וועלט ליגט אין שנייען פאַרלוירן,
פון פענסטער עס הענגען די אייזיקע צעפּלעך, —
אַרונטער, פון אויוון דעם קאַלטן עס טרוירן
די ליידיקע ערדענע שטשערביקע טעפּלעך.

די מאַמע זיצט שטיל אין אַ ווינקל פאַרבאָרגן
און טראַכט פון איר קאַרגער און שווערער הכנסה.
דער שטערן פון טאַטן זיך רינצלט פון זאָרגן
ביים מדרש, ער טרייבט אָפּ די דאגות־פּרנסה.

און באַלד גיט די מאַמע דעם טאַטן צו פילן,
דערוועקט אים מיט האַרטע תרעומות פון שווייגן,
ניט אַנדערש נאָר פשוט מען דאַרף שוין קיין תפלין
אין גאַנצן ניט מער ביי קיין יידן צו לייגן....

צי ווילסטו באמת דו זינדיקע אשה
מיט דיינע תרעומות מיך קרענקן דערצערנען?
און באַלד האָט דער טאַטע געגומען מיט פרישע
התמדה זיך ווייטער דעם מדרש צו לערנען.

נאָר פלוצים אין חדר געקומען צו קריכן
א יידל אַן אביון איז קרוע בלוע, —
אַזויווי עס וואָלט זיך באַוויזן משיחן
כאָטש קאַלע געוועזן איז א ביסל זיין ראיה...

געעפנט א זילבערנע פושקע מיט טאַבעק,
א היסל געגעבן — א הוילן, א מאַטן,
גערעדט עפעס רייד ווי פון מעבר־יעבוק,
בשעת מעשה געגעבן צו שמעקן דעם טאַטן...

און ער האָט געצויגן אַרויס זיין פאַטשיילע
צו פוצן די גלעזלעך אויף ריין פון די ברילן,
און גלייך אָן פאַרדרוס נאָך א קליינינקער ווײַלע,
ער האָט זיך דערציילן גענומען אין שטילן:

ביינאַכט — ווען איך בין דורך א וועלדל געגאַנגען,
איז האָב איך באַגעגנט אַן אָרעמען פויער,
וואָס האָט זיך געצלמט, געבלעקעצט געזאַנגען,
געקניט און די הענט זיך געבראָכן מיט טרויער.

געשוווירן ביי גאָט זיך — זיין קינד ליגט מסוכן,
האָלט פשוט ביים אויסגיין איך זאָל זיך דערבאַרמען,
גענומען אויף מיר אַזוי בעטנדיק קוקן —
ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיין צער מיך אומאַרמען...

די יידן די פרומע, זיי קאָנען דאָך אַלעם
מיט נסים און געלט אויף דער וועלט דאָ באַוויזן, —
דערפאַר זאָל איך גיין מיט מיין תפלין און טלית
און זאָל פון דער גרוב אים דאָס קינד זיינס אויסלייזן ..

געוויינט האָט דער ערל ביז איך בין געגאַנגן,
און גייענדיק האָט ער מיר פּלוצים מיין פּנים, —
פאַרבונדן, און האָט אין אַ הייל מיך געפאַנגן
ווו ס'זענען געלעגן באַהאַלטן גזלנים...

דערשפּירט אין דער פינסטער איך האָב אַ מין צאַנקן
אין מענטשלעכע שאַרבנס — פאַרבלוטיקטע קנויטן..
און טיף אין פאַרשימלטן נעפּל דעם קראַנקן
עס זענען באַפאַלן מיך גרוילן פון טויטן...

די הייל איז געוועזן באַוואַקסן מיט מאָכן,
מיט גאָלד און מיט פּערל בריליאַנטן פון דורות...
אַרום זענען מענטשן אויף ביינער געקראָכן —
פון מענטשן, מיט טמא געוואָרענע תורות....

די רצחים וואָס האָבן דעם קאָפּ מיר געבוינן,
זיי האָבן געגזלט מיר תפילין, און טלית, —
מיין האָב די בגדים אַראָפּ מיר געצויגן,
און איבערגעלאָזט נאָר דעם יידישן דלות...

מען האָט מיך באַגזלט גערויבט מיין פאַרמעגן,
נאָר מיר איז נאָך אַלץ מיין בטחון פאַרבליבן,
געזוכט האָב איך גאָט אַזוי לאַנג אויף די וועגן
ביז ר'האָט אין מיין האַרצן אריין זיך פאַרקליבן....

יעצט ווייסט איר אויף וואָס סאַראַ טרויריקן אופן
עס האָבן באַרויבט מיך גזלנים געצירטע...
דערפאַר וויל איך אייערע פּרשות מיר קויפן,
מיט בתים, — „מעור־שור", די בעסטע לאַקירטע.

איך האָב זיך חלילה צו זיי ניט פאַרמאַסטן,
ווי קאָן דען אַ ייד זיך גאָר שלאָגן דערלויבן? —
איז זאָגטזשע מיר סופר — וואָס אַלצדינג דאַרף קאָסטן,
ווייל וואָס עס געשייט דאָ — אַ ווונק איז פון אויבן.

געטראַכט האָט די מאַמע — נאָר פּשוט אַ מלאך
פון הימל באַקומען אויף אונדז האָט רחמנות, —
איז אפשר זיך וואַשן פון ווייטן מהלך,
אַ מוציא פאַרבייסן און בענטשן מזונות?

דאָס קול וואָס פון טאַטן געלאָזט האָט זיך הערן
האָט מפסיק געוועזן פון מדרש בנעימות,
געלויכטן אַרויס האָט דאָס אויג פון זיין שטערן —
דאָס פנים געשמייכלט מיט קינדישע תמימות.

א שלום עליכם — בפנים גליות,
דער טאַטע זיין האַנט האָט גענומען אויסשטרעקן, —
צום יידל. געזען ווי ער הויבט אויף אָן שהיות
פון אָרט זיך און שטעלט אין א ווינקל זיין שטעקן.

און וואַשט זיך, פּירט צו צו זיין מויל א כזית,
און מאַכט א המוציא מיט ליבשאַפט צו יעדן, —
פאַרגלייזט זיינע אויגן, דערכאַפּט זיך דאָס חיות
און הויב פון דאָס ניי אָן ברמז צו רעדן...

ג.

ווען ס'וואָלטן אפילו די סודות התורה
דאָ בלייבן אויף אייביק פאַר יעדן פאַרשטעלט,
מיר וואָלטן אויך גלויבן געמוזט דער מסורה —
אז מער וועט קיין מבול ניט זיין אויף דער וועלט.

עס טאָר ניט דער גרעסטער בעל מאמין אפילו
חלילה קיין רגע אין ספקות אריין, —
ווייל דאָס קאָן מעקב נאָך זיין די גאולה,
איך מיין אַז איר דאַרפט מיך שוין סופר פאַרשטיין...

כ'בין תופס, דאָך וויל איך מיט אייך זיך באַראָטן
פון וועגן אַן ענין וואָס איז מיר ניט קלאָר,
ווייל דאָס וואָס ס'איז תמיד צו פרעגן פאַרבאָטן
מען קאָן ניט דערגיין צי ס'איז שקר, צי וואָר?...

דאָס פאָלק וואָס האָט אייביק דערהויבן גאָטס נאָמען
און האָט מיט זיין תורה אין פלאַם זיך פאַריינט, —
פאַר וואָס זאָל עס יעדערן דור פון א המן
דאָ ווערן דערשראָקן אויפסניי און פאַרפּיינט?....

— ווייל ס'גוטס און דאָס שלעכטס ביי דעם מענטש ליגט
פאַרשלאָסן
אין הארץ — מיט א ריזיקן וועלטגרויסן שלאָס;
דער מענטש האָט דעם שליסל פאַרלוירן. פאַרגאָסן —
דעם וועג פול מיט טרערן און בלוט אָן א מאָס...

דערפאַר קאָן ער קיינמאָל דעם וועג ניט געפינען
דעם דרך הישר צו זיך און צו גאָט, —
נאָר תמיד ער בלאָנקעט דורך נאַכט און דורך זונען,
געצייכנט ווי קין: מיט בלוט און מיט שפּאָט....

וואָס טויגן אייך סופר די האַרצנס יסורים,
דעם ביטערן יאוש וואָס נעמט זיך דערפון,
דערפאַר וויל איך רעדן יעצט קלאָרע דיבורים
צו אייך ווי אַ טאַטע צום אייגענעם זון.

ניט מיינט אַז ס'איז אַלץ דאָ אַ סיעתא דשמיא,
אַ הימל־פאַרבאָרגענער רמז אַ סוד, —
אַז ס'איז אויס אַ מענטשן געוואָרן אַ חיה,
געקאָנט האָט אויך ווערן אַ מענטש פון אַ גאָט...

און מענטשלעך געוואָרן איז גאָט אין בהלה,
פאַרלוירן זיין רחמימדיק לויטער געשטאַלט,
באַגאַנגען אַליין קייגן זיך אַ נבלה,
דעם מענטשן באַצאָלט — מיט געוואַלט, פאַר געוואַלט.

הגם ס'גייט דאָ אַלץ אין דער טבע כסדר
אַ האָר ניט געמינערט פון תמידן לויף;
דאָך ברעכט זי אַמאָל דעם פאַרבאָרגענעם גדר
אַליין מיט איר כח — דעם אייגענעם אויף...

און פונקט ווי עס מאַכט זיך אין ווינטער נעמט בליצן
ווען אַלץ איז פאַרשנייט און עס דונערט דערצו; —
אַזוי פאַר זיין אייגענעם כח ניט שיצן
עס קאָן זיך אַמאָל אויך ניט גאָט ברוך הוא...

איך וויל אייך איינרוימען אַצינד די מערכה,
אַנטפּלעקן בשתיקה דעם טרויעריקן סוד, —
ווי ס'קאָן אָפּט פאַרגעסן אַ פאָלק די השגחה
אַזוי זיך פאַרגעסן אָן פאָלק קאָן אויך גאָט....

וואָס פעלט אייך, און וואָס טוט אייער האַרץ דען באַדריקן,
יאָ וואָס איז ניט משיג אייער סופרישער זין, —
מיט וואָסזשע דען זוכט איר בן אדם אַ תיקון
מיט מידת הרחמים, צי מדת הדין?!...

דעם אמת געזאָגט איז מיר אַלצדינג אַ פּלא,
און כ׳הויב עס אפילו ניט אָן צו פאַרשטיין, —
ממה נפשך גייט שוין די וועלט כּף הכּלע,
למאי זאָל ניט אַלצדינג אין איינעם פאַרגיין ?!

ס׳איז סופר, פאַראַן מקדמונים אַ סברה
וואָס איז דאָ געוואָרן כמעט ווי אַ חק:
אַז ס׳קומט אויף אַ מענטש צי אַ פאָלק אָן עת צרה, —
זיין הילף ווערט באַשטימט נאָך אין זעלביקן טאָג...

עס נוצט ניט קיין גריבלען, קיין טראַכטן, קיין קלערן,
און אויך ניט קיין חוזה בעתיד צו זיין,
אַזוי ווי מען קאָן ניט דערגיין צו די שטערן —
אַזוי קאָן מען אויך ניט גאָטס מעשים דערגיין...

די גאָלדענע זון האָט געגעבן איר חתימה,
געצייכנט אויף רויט אדונו אלקים, —
נאָר שטיל האָט געוויינט נאָך בדחילא ורחימא
אין חלל דעם טאַטנס פאַרדבקותטע שטים...

ד

כאָטש ס׳נעמט אייך נאָך סופר צום וויינען און לאַכן,
ווייל ס׳גיסט זיך דאָך מענטשלעכע בלוט דאָ כּמים, —
וועט מען דעם אמתן שהכּל נאָך מאַכן,
און טרינקן דעם אייביקן ברידער לחיים...

פאַראַנען נאָך אמתע לויטערע קוואַלן,
וואָס שלאָגן אַרויס פון דער ערט טיף פאַרבאָרגן,
דערפאַר טאָר דער מענטש ניט אין עצבות פאַרפאַלן,
פאַרלירן דעם גרויסן בטחון אויף מאָרגן.

דער מענטש וועט דערקענען דער גלויביקער נייער
די אמתע ליבע צו יושר און פרידן,
ניט אייביק דער ייד וועט פאַר גאָט גיין אין פייער,
אַמאָל וועט אין פלאַם גיין אויך גאָט פאַר די יידן....

עס וועלן פאַרשווינדן די פינסטערע כּיתות
משחתים וואָס ווילן דאָס לעבן פאַרקרומען, —
כאָטש ס׳קומט ניט אַצינד שוין צו שטילן די שחיטות - -
דער מלך — משיח, איז וועט ער נאָך קומען...

און פּלוצים דעם טאַטן באַלייכט האָבן שטראַלן —
ווי זונען צעגלאַנצטע מיט שטערן, לבנות;
און ס'זענען אים שלאַנגיקע אַנקסטן באַפאַלן,
און ביסיק געלויערט אויף אים מיט סכנות.

נאָר באַלד גאָר באַפרייט פון די אַנגסטיקע שלאַנגען
עס האָט אים — אַ פלאַם פון דער כותל מערבי;
אַרויס איז דאָס פייער פון יידל געגאַנגען,
ווייל ס'יידל געווען איז אליהו הנביא....

דעם סופר'ס חלום...

עס האָט אים געחלומט אַ חלום,
ער האָט מיר דערציילט און געוויינט, —
נישטאָ אויך אין הימל קיין שלום
כאָטש לויטער די שכינה דאָרט שיינט.

ער איז פאַר דעם הייליקן מלך
המלאכים געשטאַנען, געבליקט,
די אבות הקדושים ווי פריילעך
זיי זענען געווען און באַגליקט.

פון גילדענעם שלחן דעם זוהר
דער בורא אפיר האָט געלייענט, —
מימינו געבליצט האָט דער צוהר
ווי זון מיט לבנה פאַריינט.

עס האָבן די שרפי הקודש
די כרובים צו שירה געוועקט,
זיך בוקנדיק — קדוש, אַ קדוש,
מיט זילבערנע וואָלקן פאַרדעקט.

אתרוגים און טייטלען און פייגן,
זיי האָבן אַ בשמים פאַרשפּרייט,
אַראָפּ האָט זיין האַרף פון די ווייד\ן,
גענומען דער לוי מיט פרייד...

די גאַנצע פמליא של מעלה
זי האָט ווי אויף איינמאָל דערפילט, —
די שכינה ווערט יונג ווי אַ כלה,
ווען ס'האָבן די לויים געשפּילט.

ווי בשומיקער בוימל פון קריגן
זיך גיסט און אַ ריח פאַרשפּרייט, —
אַזוי האָט געגאָסן זיי'ר ניגון
זיך ווייך און פאַרחלומטער־הייט.

און אים האָט גבריאל גענומען
דער מלאך און האָט אים געפירט, —
צעווישן הדסים און בלומען
און טרויבן מיט זונשיין באַצירט.

ווען ער איז געוואָרן נתפּעל
פון תענוג־הרחני שוין מאַט, —
געוויזן האָט שטיל אים מכאל
פון בורא דעם קשר של יד...

עס איז אים באַפאַלן אַ שרעקן,
אַ פּחד מאימת הדין,
און פּלוצים פון אהרון דעם שטעקן
מיט מאַנדלען דערזען האָט ער בלי'ן ...

ווי ס'וואָלטן אים פינגער באַרירן
מיט צערטלעכער ליבע געגלעט, —
גענומען אין האַרץ האָט ער שפּירן
אַ נאָגנדיק זיסן געבעט...

מיין זון דו געטרייער און גוטער,
געוואַרט האָב איך לאַנג שוין אויף דיר, —
עס רופט דיך די שכינה — דיין מוטער,
אָ, זיי זיך מתודה פאַר איר...

און ער האָט געוויינט און געציטערט
און נבהל ונשתומם געוועזן;
נאָר פּלוצים מיט שטערן באַפּליטערט
דעם בגד פון משה'ן דערזען...

אָ משה נאָר דו קאָנסט דאָס פילן,
מיין שמחה און צער איז צו גרויס, —
דו האָסט דאָך אַמאָל פון גאָט'ס תפילין
געזען אויך דעם קשר של ראש...

ווער האָט דאָרט געשריבן די שורות,
די פּרשות מיט וואַסאַרע טינט?
עס שרעקט מיך, די עשר ספירות —
מיר דוכט אַז זיי וויינען אַ צינד...

און משה ער האָט אים אַ תשובה
געגעבן און גאָט האָט געהערט, —
ווי ס׳האָט זיך די הימלישע סביבה
געבויגן מיט אימה צו דר ערד...

„דאָרט זענען די פּרשות אויס פייער,
און זיי איז פאַרשריבן צעגליט:
וואָס ס׳האָט אַלץ געליטן דער טרייער
און אייביק פאַרוואַגלטער ייד!

און האָט ניט פאַראַטן אין פלאַמען
גאָטס נאָמען, פאַרביטן באַפלעקט;
פון טרערן און בלוטיקע ימים —
צו אים נאָר די הענט אויסגעשטרעקט.

אין לאַנגע פאַרביטערטע גסיסות
פון ייד ניט פאַרלוירן ס׳געשטאַלט, —
געלייטערט דורך אימת און מיתות,
געהייליקט דורך בייזער געוואַלט....

ווייל גאָט האָט די מאַכט זיי געגעבן
צו ליידן אין צער אָן אַ גביל, —
דערצו אַן אין סופיקן לעבן
דעם פאָלק פונעם אייביקן ציל:

צו בלייבן פאַרקניפּט מיט די כריכות
פון אשר אהיה, אחד, —
און ברענגען פון גאָט דאָס שליחות —
צום מענטש, און פון מענטשן צו גאָט...

עס זאָל פאַר די פעלקער נביאות
נאָר זאָגן פון פרייהייט און רעכט, —
פאַרפּייניקט דערפאַר אויף די תליות
הויך הענגען אין יעדן געשלעכט...

ניט קיינמאָל פון קיינעם באַקומען
קיין הילף אין פאַרצווייפלסטער נויט, —
נאָר לאָזן פאַר גאָט זיך ווי בלומען
אַפּרייסן באַשטענדיק פון טויט..."

און קולות וברקים אַ מורא,
דער שופר הגדול ער שאַלט,
עס דעקט אָפּ זיין טלית דער בורא,
און ס'ווייזט זיך זיין פייערגעשטאַלט....

נאָר פּלוצים אַ שרעקלעכער שוויגן
ווייל גאָט איז מבשר זיין גזר:
איך גיי מיינע תפילין אָפּלייגן
באַפרייען די יידן פון צער.

און וועט זיך די וועלט ניט באַקענען
אַז זי האָט אומזיסט נאָר געקוועלט, —
מיין אומה צייט דורות; פאַרברענען —
איך וועל זי אָפּמעקן די וועלט!

פאַרניכטן דעם בייזן מחבל,
מיין שבועה צעברעכן מיט גרויל, —
און נאָכאַמאָל עפנען פון מבול
דאָס טויטע פאַרשימלטע מויל...

און וועל אַלע הימלען צערייבן,
אויסטרעטן מיט צאָרן מיין שווערט, —
עס זאָל ניט קיין זכר פאַרבלייבן
פון מענטשן און וועלט און פון ערט!

און ס'האָט זיך פון טלית השכינה
פאַרלאָשן דער פורפּלנער פאַס;
נאָר שטיל האָט געברומט נאָך אַ שטימע —
„הנני העני ממעש?"

עס האָט אים געחלומט אַ חלום
ער האָט מיר דערציילט און געוויינט, —
ניטאָ אויך אין הימל קיין שלום,
כאָטש לויטער די שכינה דאָרט שיינט...

ווי גרויס איז דיין הארצנס עשירות...

איך ליב דיינע ווערטער די טרויעריקע שטילע,
וואָס זענען פאַרפולט מיט קדושה און לייד,
און שוועבן אַרום ווי די קלאַנגען פון נעילה
יום־כּפּור פאַרנאַכט ווען די זון שוין פאַרגייט.

כ'האָב ליב דיין פאַרעצבותטע יידישע גבורות,
אַ געטלעכער העלד דו פון הויט און פון ביין!
איך ליב דיינע זיס־מעלאַנכאָלישע זמירות —
וואָס מאַכן די שכינה פאַר ווייטיק צעגיין...

און זיצסטו ביים ספר און טינקסט איין די פּענע
אין טינטער, און הויבסט אויף דיין הייליקע ברעם, —
דאַן זע איך דאָס גרויסע התלהבות פון יענע
וואָס האָבן פאַרקוילט זיך על קדוש השם...

די אותיות פון די עמודים דערמאָנען
באַפּערלט מיט תגין דיין געטלעכע רו;
איך קוק אויף דיר פאָטער און קאָן ניט דערקאָנען,
אַז ווער עס איז געלער, דער פאַרמעט צי דו?

אַזויווי אַ רמז, אַ סוד פון קבלה,
פון גאָט און מלאכים באַשטראַלט און באַהיט;
איך זע דיך, און ס'דוכט מיר דו האָסט קיין התחלה —
קיין סוף, דו פון פאַסטן צעטרוקנטער ייד...

און גלייך ווי ס'באַפאַלט צו כל נדרי אַ מורא,
אַ יעדער בעל חטא טיף זיין שפלות דערפילט, —
אַזוי איך דערפיל זיך, ווען כ'זע ביי דער תורה
דיך זיצן אין טלית און תפלין געהילט.

דער „קסת הסופר" ער ליגט פאַר דיר אָפן
און אָפט לופט אַהין דאָרט דיין אויג נאָך אַ דין,
און ס'ליגט אויף דיין פּנים פאַרחתמעט דאָס האָפן
און אַלע ענויים פון דיר און דיין מין...

אַ פאָטער ווי גרויס איז דיין האַרצנס עשירות,
כאָטש אָפט איז פון דחקות דיין טיש ניט געדעקט,
און שרייבסטו — דאַן ציטערן די עשר ספירות,
מיט כיתות מלאכים אין הימל פאַר שרעק.

איך זע אין דיר פאָטער אַ דור ווי אין דרימל,
אַ רינג פון דער גאָלדענער יידישער קייט;
אַ גרויס איז די זון וואָס גייט אויף דאָרט אין הימל —
דאָך גרעסער די זון אין די בערג וואָס פאַרגייט...

א כהן הגדול!

באַטראַכט איך דיין לעבן דאָן ווילט זיך מיר וויינען,
מיט טרערן פון מורא און צער אָן אַ צאָל,
דאָס אויג דיינס עס לייכט ווי די הייליקע שיינען
אין קדשי־קדשים פאַרצייטן אַמאָל.

דיין האַרץ דאָס באַטריבטע, דאָס שטילע דאָס פרומע,
ווי ווילט זיך מיר קניען און בוקן דערצו,
עס ברומט ווי אַ טויב דאָרט אַרויס פון מיין אומה
דיין אייביקער לעבן פון מאַטער אָן רו...

דער קשר של ראש און של יד די סמנים, —
מיר ווייזן פון צרות און צער אָן אַ ברעג,
דער הייליקסטער עדות דיין בלוטלערער פנים,
פון יידנס פאַראיינזאַמטן בלוטיקן וועג.

און אלע די שבעה מדורי גיהנום,
איך ליי'ן פון דיין שטערן מיט פחד און גרויל,
און כ'זע די צדיקים וואָס האָבן פאַרברענען
געלאָזט זיך פאַרצייטן מיט שמחה אויפסקויל...

און טיף אין מיין האַרץ מיך באַפאַלט אַזאַ מורא,
און שמידט מיך אין קייטן פון שווידער און פיין,
איך פאַל אויף דיין ספר און קוש יעדע שורה,
און שרייענדיק קדוש — איך שטיק זיך און וויין...

אַ כהן הגדול דו שטייסט אין עזרה,
און דוכנסט פאַר אונדז ווי פאַרצייטן אַמאָל, —
אין טלית פאַרהילט מיט דער זילבער עטרה,
אל שדי, אל שדי, שמע ישראל!...

נאָך דער טבילה

אַמאָל ווען דו ביסט פון דער טבילה געקומען,
אין דרויסן געברענט האָט דער פראָסט מיטן קעלט,
זיך גלייך האָסטו פרום פאַר דיין אַרבעט גענומען
מיט הייליקן מוט אין דיין באַנגן געצעלט.

דער תיקונדל שטיל איז און אָפּן געלעגן
די שורהלעך האָבן אַרויס דאָרט געשיינט;
אַזויווי די שטערן אויף טונקעלע וועגן,
און דו האָסט צום שרייבן אַפּיר זיי געליינט.

אוי מאַמעניו טייערע, הייליקע צדקות!
האָט טרוּוירִיק אין חלל געציטערט נאָך דעם,
מיט טיפער קדושה פאַרפולט און דבקות
„ראה אני כותב על קדושת השם!"

און ווי נאָר עס זענען די לעפצן אַנטשוויגן,
דיין הייליקער קול האָט זיך מער ניט געהערט,
האָט עפּעס געגומען זיך טראָגן אַ ניגון —
וואָס ס'האָט נאָך קיין מענטש אויף דער וועלט ניט געהערט...

די זון האָט צו מנחה שוין מכין געווען זיך,
די לענדן זיך פרום מיט אַ בלוטגורט פאַרהילט;
און דאַמאָל אַ פאָטער ווער ס'האָט ניט געזען דיך,
דער האָט נאָך קיין גלות־השכינה געפילט...

און אָפּטמאָל ווען ס'דוכט מיר אַז ס'איז שוין געקומען
מיין סוף, און איך ליג ווי אַ וואָרעם אין שטויב, —
דאַן הער איך דאָס הייליקע קול ווידער ברומען
און וואָרקן מיט ליבע און צער ווי אַ טויב...

פאַרפעלט ביי דעם שרייבן אַן אות

אַמאָל זיין נשמה פאַרכאַפּט האָט אַן אימה,
די אויגן זיי האָבן דורך נסים דערזען,
בעת מיט זיין גרויסער אמונה שלמה
האָט מאריך באחד דאָס הארץ זיינס געווען.

עס איז ניט קיין הרהור געוועזן חלילה,
נאָר מ'האָט אים אַ סוד פונעם הימל אַנטפּלעקט, —
און ער האָט ווי מפסיק געווען פון זיין תפילה,
און האָט מיט די הענט זיך זיין פנים פאַרדעקט.

ס'איז פסול רחמנא־לצלן אַ יריעה
אין סדרה — פון ספר ואלה שמות;
פאַרזען האָט דער דיין דער בעל מגיה —
אַז ער האָט פאַרפעלט ביי דעם שרייבן אַן אות...

און ס׳האָט זיך דאָס אות אים אַוועק פאַר די אויגן
אַזיווי אַ בלוטיקער וואָלקן געשטעלט;
און כורעים געפאַלן פאַר אים און געבויגן —
אַ סופר, האָסט מחריב געווען אַ וועלט!...

און באַלד האָט דאָס אויג זיינס אַ גרויסע ישיבה
אין הימל פון פייער מלאכים דערזען, —
וואָס האָבן אים גוזר געווען אַ תשובה,
און ר׳האָט זי מקבל באהבה געווען.

געלייטערט זיין מאָגערער גוף איז פון הונגער,
מכפר געווען האָט אַ תענית זיין זינד, —
זיין גרויסע נשמה געוואָרן איז יינגער,
און ער האָט געשמייכלט באַ׳חנ׳ט ווי אַ קינד...

תיקון ליל שבועות

תיקון ליל שבועות, — דער טאַטע זיצט געבויגן,
און איז מעין ספר, זיין קול עס וויגט זיך באַנג,
זיינע ליכט־מחשבות צעגיסט ער מיט געזאַנג,
צעבלויטע ווי די הימלען לייכטן זיינע אויגן.

ווערט פון תענוג־רוחני דאָס האַרץ זיינס אָנגעזויגן —
ווי מיט זילבער טויען די ציטערדיקע בלום;
וויגט אין ליכט און שאָטן זיך אייביק ער אַרום,
ביז עס ווערט דאָס ליכט זיינס שטערנדיק צעפלויגן....

דער סני וואַכט פון נעפל אויף פאַר אים משמעות,
הר אבל, הר גריזים, משה מיט די לוחות,
און אַ אש להבה איז פאַרכטיק גאָט פאַרהילט;
דער שופר של משיח ער רופט, און שאַלט און שפּילט —
תיקון ליל שבועות, אַ תיקון ליל שבועות!
ווי לאַנג נאָך לאָזטו שטורמען, גאָט די ווילדע רוחות?!

עד סוף כל הדורות...

דאָס חלבנה ליכטל האָט פרום זיך געברענט
און ער איז געזעסן אָן ווערטער, —
אַ מידער אַ שטילער פאַרקלערטער,
זיין שאָטן ער האָט זיך געוויגט אויף די ווענט.

די פּרשות זיי האָבן געהערט און געשיינט,
מיט טיפער קדושה און מורא,
ווי ער האָט געליינט אויס דער תורה:
„ויתן את קולו״ — און האָט זיך צעוויינט.

עס האָט זיך אל שדי אין תכלת פאַרהילט,
און האָט אין זיין שטיבל אַ ניגון צעוויגט
פון יידישע ליידן מסורות;
און ער האָט דעם ניגון אין בלוט טיף דערפילט
עס האָט זיך דער ייד אין זיין האַרצן צעשפּילט,
דערזען זיך — ער סוף כל הדורות...

פּותר חלום זיין...

עס שוועבט אין זיין חדר דער רוח־הקודש,
זיין פּנים עס לייטערט זיך הייליק פון לייד;
אַזויווי די פרומע לבנה אין חודש —
זיך לייטערט אין הימל פון וואָלקנדלעך זייד...

ער ליגט אין זיין בעטל צעזאַמענגעצויגן,
אַ פלעמל צאַנקט טרויריק זיך שטיל אויף דער וואַ
און ס'גלי'ן פון אַ בינטל מיט קנאָבן צוויי אויגן
און האַלטן אַ מדרש מיט נסים אין האַנט.

איך קוק אויף דעם צדיק מיט צער און מיט קומער,
די רגעס מיט פּחד און אימה איך צייל,
און ס'פאַלט אויף זיין גוף דעם פאַרשלאָפטן אַ שלומער,
דער מדרש ער פאַלט אויס דער האַנט אים אַ וויל...

זיין גרויסע נשמה זי מאַכט אַ מהלך —
אַ הייליקן, שטילן, צום בורא אַרויף...
און ס'קומט אים בהצנה צו חלום אַ מלאך
און רוימט אים פאַרציטערט אַ סוד איין אין שלאָף...

זיין ווייטיק איך איינזאַמער יורש בין תופס,
און זעץ ווי אַ דימענט אין האַרץ מיר אים איין;
ס'וועט אפשר אַ מלאך מיר טון אויך אַ מופת,
און פּותר זיין הייליקן חלום מיר זיין...

אזויוי די שכינה...

הויך איז זיין שטערן, מיט קנייטשן געצונצלט,
און יעדערער קנייטש דאָרט דערציילט, —
זיין לעבן וואָס האָט אים געפּלאָגט און געמאַטערט,
און מוראדיק ביטער געקוועלט....

אזויוי אַ נזיר אין וואַלד אין אַ וויסטן,
ער האָט דאָ פאַראיינזאַמט די טעג —
פאַרבראַכט אויף דעם עולם, און ספרים געשריבן
מיט בענקשאַפט און צער אָן אַ ברעג.

אַ ניגון אַ שטילער, אַ שאָטן אַ באַנגער
וואָס קיינמאָל קיין זון האָט געזען, —
אזוי איז זיין קינדהייט, אזוי איז זיין יוגנט,
באַטריבט און פאַראיינזאַמט געווען.

בלייך איז זיין פּנים אזויוי דער פּאַרמעט
צום ספר וואָס ער האָט געמאַכט,
און טיף איז דאָס אויג זיינס ווי משה׳ס מחשבות
וואָס האָבן זיין ספר באַוואַכט...

זיין האַנט איז אַ דאַרע אזויוי די פּענע
מיט וועלכע געשריבן ער האָט;
זיין האַרץ איז אַ שטילעס, די טיפסטע יסורים
פאַרשווייגט ער צוגלייך מיט זיין גאָט...

פאַראיינזאַמט — פון מענטשן פאַרלאָזט און אין עלנט,
ער ליגט אויף זיין אָרימען בעט,
אזויוי זיין לעבן וועט קיינער ניט וויסן —
זיין טויט, און זיין לעצטן געבעט...

ער איז פון די ערשטע, און קערט צו די לעצטע
נסתרים פון אונדזערער צייט;
עס האָט זיין נשמה אזויוי די שכינה —
געוויינט נאָך פאַרשלאָסענערהייט...

און וועט ער דאָס אויג זיינס דאָס טיפע פאַרשליסן,
אל שדי — באַוואַך אונדז באַהיט;
וועט שטאַרבן דער צדיק הדור שוין דער לעצטער,
דער גרעסטער פאַרצייטישער ייד..

ווער וועט אים פארמאכן די אויגן?

עס פּורפּלט דער הימל אזויווי צו נעילה,
עס טאַנצט אויף די שויבן אַ פלעמל אָרום,
און לייגט זיך אַוועק אויף די ווינקלעך די שטילע,
און ווערט דאָרט פאַרבלייכט ווי אין אַסיען אַ בלום.

אין חדר עס שוועבן פאַרלאָזטע דמיונות,
ווי וואָלקן געיאָגטע צעריסן פון ווינט;
ווי קלאַנגען פאַרוויטע עס קומען זכרונות —
געזעגענען טרויריק מיט אים זיך אַצינד.

אַמאָל פלעגט ער יומם ולילה צו זיצן
און שרייבן מזוזות און שמירות אַסך,
און יעדן פון שלעכטן און בייזן באַשיצן,
אַליין אָבער קיינמאָל אָן זיך ניט געדאַכט...

זיין איינציקער חבר די הייליקע תורה,
שטייט פּסול אין ארון הקודש און וויינט,
די אותיות שיטן אַראָפּ זיך אַ מורא —
וואָס האָבן געלויכטן אַמאָל און געשיינט...

ער הויבט אויף די אויגן פון טרויער געפאַנגען,
און לאָזט זיי באַלד זינקען פאַראַבלט און שטום,
עס שוועבט ווי אַ טויב זיין נשמה'ס פאַרלאַנגען
מיט ציטער און טרויער אין חלל אַרום...

ער שטרעקט זיינע הענט אויס מיט צער נאָך מחילה,
דרייט אום צו דער וואַנט זיך און ודוי זיך הערט,
כ'וויל כאַפּן אומאַרמען די ווערטער די שטילע,
וואָס מיר איז צום סוף נאָך צו הערן באַשערט.

איך שטיי אָן אַ לשון, פאַרשטיינערט אָן טרערן —
צוקאָפּנס פון בעט אים און ציטער און פריר,
אַ סופר, ווי קאָן איך דיין יורש דען ווערן,
אַ סופר, וועם לאָזטו דען איבער נאָך דיר?!

זיין שאָטן וואָס האָט זיך מיט פרומקייט געבויגן,
איז הענגען געבליבן אַצינד אויף דער וואַנט,
אַ ווייטיק, ווער וועט אים פאַרמאַכן די אויגן —
אַז זינדיק און שוואַך איז מיין טמא'נע האַנט?

ווער וועט צו ענדיקן האבן די זכיה?

אזויווי פון מקדש׳ס פארהייליקטן היכל,
עס דרינגט פון זיין בעט אין מיין הארצן א שטראל, —
זיין פנים דאס בלייבע גיט ריינט א שמייכל,
און עפנט א וועלט מיר — פון ליבע א קוואל...

עס האט אים דער בורא בהצנה געוויזן
זיין קשר של יד, מיט די כריכות פון פלאס...
און ס׳האבן גערופן צו אים די אושפיזין
מיט ציטער — אשריך א הייליקער סתם....

און ער האט נשתומם געענטפערט: ואתם
הדבקים — און האט ווי א קינד זיך צעוויינט;
עס האט אים דער בורא געוויזן די בתים,
די פרשות מיט בלוטיקע תגין באקריינט...

און ס׳האבן די שינס געלויכטן ווי שטערן,
פון וואלקנס געוועז איז זיי׳ר הייליקער עור...
און משה רבינו געקושט האט די טרערן —
וואס האבן אנטפלעקט אים דעם צער פון זיין דור...

און פלוצים דערהערט האט ער מורמלען מיט ציטער,
א קול מיט תחנונים, פון שמחה און לייד;
דאס האט אים גערופן זיין הייליקע מוטער,
דעם טייערן זון אירן באנג פון דער וויט...

ווו ביסטו געוועז דורך די ביטערע יארן,
ווען פינסטער געוועזן איז דאס לעבן אויף דרערט?
אוי מאמעניו טיירע געלייטערט געווארן —
איך בין אין מיין בלוט דורך דער גוישער שווערט...

אברהם און יצחק די הייליקע שבינה,
און עזרא הסופר ווו בין איך אצינד?
א, פארכט ניט, דעם גרויסן גן עדנס מדינה
שטייט אפן פאר דיר א מיין קדיש מיין קינד!

פארגעס ניט מיין תכשיט דיין ארימער מאמען,
און לאז אויך נהנה זי זיין פון דיין שכר;
זי האט דאך מיט פיין דיך דערצויגן — צוזאמען
מיט צרות און דחקות און ביטערן צער...

אָ שרעק ניט און גיב מיר דיין האנט די צעדאַרטע,
און זאָג און דערציייל מיר מיין קרוין וואָס דיר פעלט,
דיין פּנים, אוי ווײ מיר, דאָס בלייכע פאַרצערטע;
דיין מאַמעניו תכשיט דערציייל וואָס דיך קוועלט?...

די טרערן ווי טויען פון בלומען זיי פליסן —
אין אָוונט ווען ס'האַלט שוין די זון ביים פאַרגיין,
און לאָזן זיך הייליק אַרונטער און גיסן
פון כשרן אויג אים אין מדרש אַריין.

דאָס פלעמל פאַרלעשט זיך, און ס'בלייבט אין די כ'מאַרעס —
פון חושך פאַרהילט נעבן טישל זיין שטול,
ווו ס'ליגן — דער הייליקער גידין, די שערות,
דער וואָלפצאָן, ביינאַנט מיטן פימזענשטיין שטיל.

דער תיקון ליגט אָפן, אַ געלע יריעה,
אַ נאָך ניט דערענדיקטע שורה אין מיט, —
און ווער וועט צו ענדיקן האָבן די זכיה,
וואָס ס'האָט ניט פאַרענדיקט דער הייליקער ייד?...

גאָט פון טיפן אש להבות...

ס'וואַרט דער טויט אויף אים אין צימער,
ווינט אין אויוון וואיעט קאַלט;
פון זיין קראַנקן בעט נאָך פאַלט —
ווי פון ווינטער־זון אַ שימער.

טויט האָט אויף דער האַנט גענומען
אים אין חלום ווי אַ קינד,
איינגערוימט אים — צאַרט און לינד:
מענסט שוין צדיק צו מיר קומען...

האָבן פאַר דעם אויסגעצוימטן
סופר נאָר פון הויט און ביין
זיך דערשראָקן אַלע אבות, —
גאָט פון טיפן אש להבות
האָט גערופן מיט געוויין:
„מענטש כ'בין קיינן דיר צו קליין"....

דער טאטע שטארבט

הנה אוי — לא ינום,
פליסטערן די ליפּן —
ווי אַ פּאָדעם דינע,
ציטערדיק און ווייס.
אויף אַ פאַרמעטן פּנים,
אויסגעגערבט און געל,
שרייבט דער טויט מיט שוויס,
גליענדיק געשנעל:
צייט צו קומען לייגן —
זיך צו מיר און שווייגן...
שוידערן די ריפּן,
ווערט זיי קאַלט און הייס.
שעפּטשן שטיל די ליפּן —
לא ינום ולא יישן,
הייליק מיט אמונה
פליסט דעם סופר'ס קול —
מיט תחנונים ציטריק
ווי אַן אוונט־טל;
מאַמע טייערע שכינה,
שומר פון ישראל!

שטרעקט ער קוים אַן כחות
אויס די הענט די דאַרע,
נאָך אַ ביסל וואַסער,
אָדער רופט ער וועם?
ווייל דער גומען גליט;
עפנט זיך זיין ברעם,
זעט ער ווי עס פליט —
שטיל פאַר אים פאַרביי
זילבערדיק אַ כמארע,
זינקט ער צ'ריק אַ בלאַסער
בוקט זיך פאַר דעם סנה...
וועקט געהיים זיך ווידער
אויף מיט מילדן האָפן
ציטריק זיין נשמה
איידער זי פאַרבליט;
כאַפּט זיך אויף פון שלאָפן
פערלט אויס בלחש —
אירע טויען לידער:

גם כי אלך, — בגיא צלמות
לא אירא רע, —
כי אתה עמדי...
שפרייט ער אויס די דארע
הענט פארפולט מיט ווײ
נאָכאמאָל און רופט.
ווי ער וואָלט זיך פנים
אל פנים שטיל געטראָפן
ליכטיק מיט דער שכינה...
ציטערט עס אין לופט —
מאַמע, טײַרע מאַמע,
הייליקע צדקות,
אוי איך קאָן ניט שלאָפן,
בין שוין אזוי מיד

לייכטער ווי די שטראלן
זילבערנע זיך ציען —
זיינע דינע פינגער
אויס מיט בלאסן טרויער
הייליק נאָכן זוהר.
און מאור השכינה
תפילה־מעלאָדיען
פארכטיק אים באפאלן
אויסגעדראוונט לאנג ;
וואָס געהיים צורינען
קומען אָן פון ווייט.
און מיט פעדעם דינע,
מיד און שטילערהייט
ווערט ער איינגעשפינען
ווי אָן אסיען־קווייט
פון א זונפארגאנג.
ציט עס אים אַנידער —
ווי א פולע זאנג
אויסגעוויגט פון ווינט
און פון רעגן לאנג.
פילט ער דורך די גלידער
ווי דאָס ליכט אים רינט...

קומט מיט ווייטע טעג פון זומער
ווי א יינגעלע א בלאסער

מיט פאַרבענקטע בלויע אויגן
אַן זיין יוגנט שטיל מיט קומער,
אויף אַ גרינעם פולן בוימל
ווי אַ פייגעלע געפלויגן
איינגעוועבט אין זונענזוימען,
אויף צו פּיקן בלויע פלוימען, —
מילך־באַהויכט מיט ווייסע פלעקן
פון דער בליונג נאָך וואָס שמעקן.
און עס לאָזט זיך ווי אַ ווינטל,
מיט אַ ניגונדל צום טייכל
דעם צעוויגטן פּערל־היכל,
דאָרט צו שווימען און צו פאַנגען —
גאָלדן, גליטשיק, בליצנדיקע,
קליינע פישלעך מיט געזאַנגען.
און מיט יענע זיסע קלאַנגען
בליט אַ מיידעלע מיט קרויזן —
אוים און ליפּעלעך ווי רויזן,
מיט אַ פּנימל אַ צאַרטן
וועלכעס פיבערט פונעם וואַרטן —
ביז עס וועט צו איר שוין קומען
שטיל דאָס יינגעלע אַרונטער
פון דעם ביימעלע דעם גרינעם
אַ פאַרטרוימטער און צעזונטער,
האַלב אַ טרויעריקס האַלב מונטער.
און זי וועט דעם קאָפּ באַצירן
אים מיט שטערן און רובינען,
מיט די דופּטנדיקע בלומען
פונעם פעלד וואָס שימערירן,
און זיך איבער סאַמעט גראָזן
האַרציק, ליבלעך און געלאַסן
שטיל און ווייטער מיט אים לאָזן.
און די הערצלעך ווי די לירן
וועלן ציטריק ווידער שפּילן —
אונטער הימלען בלויע, טריבע;
ס׳ליד פון קינדיש־ריינער ליבע...

רעדט צו אים אַזוי זיין יוגנט
אין די טרייע צוויי געשטאַלטן,
מיט אַ האַרציק ליבער מינע —
אין זיי׳ר פרישקייט דופּט באַהאַלטן...

הויבט ער אויף די מידע אויגן,
מיט די פינגער בלאַסע, דינע,
איינגעזילבערט און פאַרשפּינט;
ציטרן זיי ווי וואַסערליליעס
טיף צעוויגטע פונעםווינט,
ווען דאָס זונגאָלד אויף זיי רינט.
וויל זיין יוגנט צאַרט אים נעמען;
אויף די אָרעמס ווי אַ קינד...
ציט זיין האַרץ זיך צו די שטראַלן
ווי אַ שמעטערלינק צו בלומען...
אַ פאַרציטערטעס, מיט מאַטער
פון דער וויטן אָנגעקומען —
מיט אַ שטילן, לעצטן פלאַטער,
נאָך זיין יוגנט און באַגערן,
וואָס זי גייט פאַרלאָשן ווערן —
טרויעריק ווי דער זונענשטערן
טיף אין אָוונט-בערג פאַרפאַלן...

קנייטשט ער איין זיין הויכן שטערן,
דעם צעפּערלטן מיט טראָפּן —
זילבערדיקן, קאַלטן שוויים;
און עס נעמען אים באַגערן,
מיט די ווינטיקסטע גאַלאָפּן
ווי די טויבן שנייאיק וויים —
איבער סעדער, וואַסערשפּיגלען:
וועלדער, פעלדער, טאָלן, היגלען,
איבער אַלפּן טיף אין אייז.
אין אַ ווירבלדיקן קרייז....
מורמלען זיינע בלויע דינע
ליפּן ציטערדיק און שטילע,
ווי צום וויינען אָן אַ קול, —
אפשר זינגט אויך צו דער שכינה
ווי דער זינגער לאַנג אַמאָל: —
איצט אַ שיר השירים תפילה,
טיף דאָס האַרץ זיינס פרום פאַר נעילה,
פון די כנסת ישראל...

הער די שוואַכע שטימע,
פון אַ ילוד אשה —
רבונו כל העולמים
אוים מיט דיין גענאָד;

לאָז זי אונטער דיינע
שכינה־פליגלען נעסטן,
נעם זי אָן מיט ליבע,
הארצעדיקער גאָט.
מיט דיין מילדן חסד,
און דיין טיפן רחמים,
שומר פון ישראל
באַשירעם און באַהיט, —
דיין פאַרבלוטע אומה,
אין זכות פון אַלע פרומע;
לאָז זי ניט אומקומען —
צוליב דיין גרויסן נאָמען,
אויף לעולם ועד —
באַשיץ אים און דערהאַלט אים,
דעם אויסגעפּייניקטן ייד! . . . .

פליגלט אום און וואַרקעט —
ווי אַ טויב די שכינה,
ברומט פאַר זיך מיט עצבות
צום גלות אַ געזאַנג. . .
רוימט אים אין די אויערן
איין עס וועט ניט לאַנג, —
מיין געטרייער סופר,
מער שוין לאַנג ניט דוירן. . .
מאַכט ער גרויסע אויגן —
ווי אַ זונפאַרגאַנג;
שעפּטשעט נאָך די ווערטער:
ס'וועט ניט דוירן לאַנג.
און זיין בליק דער שוואַכער
וויגט זיך ווי דאָס פלעמל,
פון זיין קליינעם לעמפּל
פאַר זיין טויטנבעט —
וויגט זיך און ער בעט זיך:
נאָך זיין זון דעם ליבן,
וואָס איז ווייט פאַרטריבן —
ערגיץ אין דער וועלט. . .
פולט זיך אָן מיט טרערן
טרויריק און געקווועלט —
ציטערט און ער בעט זיך:
ווייניקדיק על חטא.

איינזאם און אַ מידע,
אין זיין אָרמען חדר —
זיין באַטריבטע שטימע
פליסטערדיק מיט וידוי
ווי אַ שטרומל פליסט;
און ער מאַכט כסדר
אויף און צו די אויגן,
מאַכט זיי אויף פאַרמאַטערט —
טרויעריק און פאַרשליסט.
עפנט זיך דער הימל —
פליט אַוועק די שכינה,
קומען צוויי מלאכים
הייליק שטיל צושוועבן, —
בליצן זיירע דינע
פליגלען ווי די שטערן.
וועקן אים פון דרימל,
מורמלענדיק דורך טרערן:
צדיק מאַך זיך גרייט,
נאָך דיין ריינעם לעבן
זענען מיר געקומען,
צדיק, טייערער צדיק,
צדיק, ס'איז דיין צייט...
צי דיר אָן דיין כּפּורהיטל,
מיט דיין יום־טובדיקן קלייד,
צי דיר אָן דיין ווייסן קיטל,
מיט דיין טלית שטילערהייט,
הער דיך רופט די אייביקייט:
צדיק, צדיק, מאַך זיך גרייט!
שפּרייט דער צדיק אויס די אָרעם,
מאַכט די אויגן צו פאַרשעמט;
שעפּטשענדיק: כ'בין נאַקעט אָרעם,
אויף מיין לייב קיין גאַנצן העמד.
און די גאַרטל פון די לענדן,
איז פון אייגן בלוט דעם רויטן —
איינגעפאַרבן — און פון אַלע
מיינע קליידער הענגען צוויטן...
ס'וויינען מיינע ביינער נאַקן,
נאָרניט כ'בין געווען מתקן...
ווי זשע קאָן איך איצט אַ ריינער
צו דעם בורא זיך אומקערן,

אז מיין טלית איז צעריסן,
קיטל איינגערעכט מיט טרערן
ווי־זשע קען איך איצט א ריינער
צו דעם בורא זיך אומקערן?
אז די וועלט האָט אָנגעצונדן, —
זיך, ווי ס׳בלוט פון מיינע וואונדן?....
וויינען זיינע דאַרע ביינער.

פּלוצים הערט ער ווי עס לאַכן
די מלאכים שטילערהייט,
ווערט זיין האַרץ אזוי געקוועלט
און זיין פּנים נאָך מער בלייך.
ווייס ער ניט וואָס ער זאָל מאַכן,
הערט ער פּלוצים ווידער רייד:
צדיק, צדיק דו ביסט רייך,
רייכער ווי די גאַנצע וועלט.
דיינע מעשים־טובים זכיות, —
מיט דיין ערלעכקייט פאַרקניפּט.
זיי באַגלייטן מיט בכיות
און קדושה דיך פאַרליבט.
צדיק, צדיק זיי ניט באַנג,
מאַך דיר לייכט דיין לעצטן גאַנג.
ווייל פון יעדער שטומער תנועה,
און דיין יעדערן באַריר, —
לייכטן אייביק וועט נאָך דיר;
ווי פון זון וואָס ניט פאַרגליט, —
ס׳גרויסע העלע ליכט צעשטראַלט,
פונעם אייביק גרויסן ייד....
אין א נייער ליכט־געשטאַלט
קאָנסטו נאָר פאַרוואַנדלט ווערן
פון דיין פייערדיקער פּיין —
נאָר ניט קיינמאָל אונטערגיין,
ניט געאַכט אויף בלוט און טרערן —
ווען ס׳וועט קומען די ישועה,
זוניק אויפגיין ווי א רויז;
וועסטו אויסגעלייטערט גרויס.
ניט קיין קלונג וועט דיך פאַרשניידן —
קענען פונעם שאַרפסטן שטאָל,
לעבן וועסטו אַלעמאָל —
אייביק אינעם פאָלק ישראל...

נאָר ניט שרעקן זיך און טרוירן
אויף דעם טיפֿן הימלס שטראָפֿן, —
ווייל דיר שטייען אַלע טוירן,
פֿון גן עדן לאַנג שוין אָפֿן.
קומט זיין לעבן מיט בכיות,
אים צו חלום נאָכאַמאָל
מיד פֿון אייביקער מלחמה, —
וויקלט שטיל זיך ווי רציעות
אַרום אים זייר ווייטער קול:
מקימי מעפר דל,
מקימי מעפר דל!
קדוש, קדוש,
ס'איז יציאת, —
שוין יציאת
ה נ ש מ ה —
ש מ ע ־ י ש ר א ל,
ש מ ע ־ י ש ר א ל!

נעמען אָן אים צוויי מלאכים
פֿאַר זיין ווייען מידן קאָפּ,
וויל ער העכער אים אויפהייבן,
ביז ער לאָזט אים שטיל אַראָפּ.
גיבן זיי אים אין די ליפּן —
מילד און זאנפט א לייכטן קוש,
ווערן לויז אים זיינע ריפּן,
ציט ער לאַנגזאַם אוים די פּיס.
דאַמאָלט ווערן זיי פֿאַרפֿלויגן —
ווי אַ לייכטער שטילער ווינט,
מאכט ער הייליק צו די אויגן
זיינע מידע ווי אַ קינד,
הויכט זיין אָטעם אוים געלינד.

ווילן נאָנטע ווידער וועקן —
אויף פֿון שלומער טיף דעם מת:
פּרוּוון זיינע הענט אויסשטרעקן,
בעטן ס'זאָל געשען א נס...
הייבן אויף זיין קאלטן גוף,
זעענדיק זיין געלן שטערן...
וויינען שטיל מיט הייסע טרערן:
צדיק, צדיק, הייב זיך אויף!

נאָר דער צדיק ווייטער ליגן —
אין זיין שלומער בלייבט פארשוויגן
מיט א שמייכל טיף אין שלאָף...
צינדן זיי צוויי גרויסע לייכטער
אָן און שטעלן זיי אַוועק,
אים צוקאָפּנס מיט א ציטער
מאכן הייליקע הקפות, —
בלאָזן שופר, זאָגן תהלים:
„אור זרע לצדיק,
ולישרי לב שמחה!"...

קומט א בת־קול פול מיט שרעקן
אָן פון ערגיץ ווייט צו שוועבן, —
איבער טויט און איבער לעבן;
וויגט זיך אזוי הויך און טיף
דאָס געהיימע ווייטע בת־קול
מיט א נעילה׳דיק געזאַנג:
לאָזט דעם צדיק ניט אויפוועקן,
רוען מוז א למד־וואָוו,
נאָך אזאַ מין עולם הזה —
זאַט פון דחקות און ענויים —
פול מיט טרערן בלוט בטחון
אויף דעם ווייטן עתיד לבוא;
אזא סבלן קומט א סיום
פון גבירה און נצחון.
ציטערט אינעם בלויען חלל
פונעם דעמער אום דאָס בת־קול —
ווי א זילבערנער געטריף
פון א שטערן אומבאַקאַנט, —
ערגיץ פון א וונדער לאַנד...
גיסט זיך, וויגט זיך —
וויגט זיך, גיסט זיך —
דער זילבערנער שטערנגעטריף
פון הימל צעקושט אזוי באַנג, —
א סופר פון יידן שלאָפט טיף,
א יידישער סופר שלאָפט לאַנג,
אייביק לאַנג און טיף אָן סוף —
שלאָפט א מידער למד־וואָוו.
קיינער טאָר אים נישט אויפוועקן —
פונעם הייליקן אין־סוף!...

אלץ אין זיך פארשוויגן...

שוין פון לאנגע יאָרן זייט איך בין געבוירן,
האָט ניט מער מיין טאַטע — די מאַמען אָנגערירט;
ביז דער טויט געעפנט האָט פאַר אים די טוירן,
און די גע‌לע קנאָכן צו זיך אריין געפירט....

איינזאַם האָט מיין מאַמע אלץ אין זיך פארשוויגן,
און אזוי איר יוגנט וועלקנדיק פארזוימט,
טרויריק ניט דערזונגען, ווי אַ צאַרטער ניגון —
איז אוועק איר יוגנט ציטערדיק פאַרטרוימט....

איינמאָל האָט דער טאַטע די פּען פון האַנט פארלוירן,
און זיין ספר'ס שורות אַ וואָלקן האָט פאַרשטעלט,
מיין באַטריבטע מאַמע — נאָך די שווערע יאָרן —
האָט פון טאַטנס שטערן צעקושט די טויטע קעלט....

הייליק האָבן ביידע זיך צוזאַם געהאַלטן,
ניט מיט מענטשן־כוחות, נאָר מיט שכינה־ליכט, —
איך האָב איינגעשלאָסן אין מיר די צוויי געשטאַלטן,
זינג ארוים פון האַרץ זיי היינט מיט מיין געדיכט....

שטעלט אַ שטול אים אין גן עדן!

זיינע טייערע ספרי־תורות
וואָס ער איז ביי זיי געזעסן
יום ולילה און געשריבן
אָפּט ווען ספלעגט זיין אויג צו וויינען;
זענען אויך ניט מער פאַרבליבן,
אָפּגעמעקט ווי יענע דורות —
וועלכע פלעגן אויס זיי ליינען....
ער מיט אלעם גלייך פאַרגעסן,
נאָכן טויט ווי ביי זיין לעבן —
וועט דער צדיק זיך פאַר קיינעם
צו דערקענען שוין ניט געבן....

ווי אַן איינזאַם שטילער נסתר
האָט ער אָפּגעלעבט די יאָרן —
דאָ אַ טרויריק און פאַרוויסטער;
נאָר מיט תפילות און תעניתים!

מיט התבודדות און סגופים.
וועלן טראָגן אים זיין ארון
דאָרט אַ מתנה הימל־שרפים,
און עס וועלן אַלע מתים —
די צעטרוקנטע נפטרים:
שטוינען, גאַפן אין די קברים,
ווי דער שופר של משיח —
בלאָזן וועט מיט יראה שברים....

און די ליכטיק גרויסע בשורה
אין די הימלען זיין מבשר, —
פאַר די אבות און דער שכינה;
וועלן כתות מיט מלאכים:
שפּילן זמירות, זינגען שבחים.
קלינגען וועט די הימל־לירע —
אויף מיט פויקן, הארפן, פלייטן:
סקומט דער סופר איצט דער בלאסער
אויסגעלייטערט אָן פון ליידן,
פון דער טרויריקער מדינה —
תחת כנפי זיו השכינה....
שטעלט אייך אוים פאַר אים אַ שורה —
גאָטס מלאכים גיט אים ברכות,
יענעם ייד דעם לעצטן בעסטן:
פון די למד־וואָוו דעם גרעסטן —
דעם געהייליקטן פון ליידן,
שטעלט אַ שטול אים אין גן עדן!....

אין חלום

אָ, די איינגעפאַלנע באַקן
מיט דער געלער הויט באַצויגן,
און דער קנייטשן הויכער שטערן
מיט די בלויע קינדעראויגן.

זע איך ווייטער נאָך בתמימות
און בכיות פאַר מיר שוועבן, —
ווי אַ לעמל אַ פאַרציטערטס
זיך באַהאַלטן אין מיין לעבן....

זיינע בלאַסע דינע לעפּצן
הער איך מורמלען נאָך מיט אימות —
מיט קדושה און מיט פּחד,
זיינע הייליק טייערע שימות.

אָפּגעטאָן האָט זיין עבודה
שוין דער צדיק לאַנג בטהרה,
און איך זע אים נאָר אין חלום
שווידערדיק מיך מאָנט זיין מראה....

אין טאַטנס חדר

קום אריין איך אינעם חדר
וואו דער טאַטע פלעגט צו וויינען,
האַלט איך איין אין מיר אַ שלוכצן
נאָר די מאַמען צו פאַרשווינען.

גיי איך טרויריק צו צום אַלמער
וואו ער פלעגט באַהאַלטן אַלעס,
און געפון דאָרט אַ פּאָר גראָשן
אָפּגעשפּאָרטע אויף אַ טלית....

גראָב איך איין מיין קאָפּ אין אַלמער
שלוכץ אַרויס מיט הייסע טרערן,
ציטערט אויף מיין שוואַכע מאַמע
קאָן מיין וויינען ניט דערהערן.

פאַל איך אויף זיין בעט דעם אַלטן
וואָס שטייט ליידיק נאָך און אָפן,
וואו ער פלעגט זיך נאָך דער אַרבעט
אויסצורוּען די מידע קנאָכן.

שטיי איך אויף און לויף צום שולחן
וואו זיין פען ליגט אויסגעשריבן,
כאַפּ זיין תיקנדל, דעם פאַרמעט,
אַלץ וואָס סאיז נאָך אים פאַרבליבן.

שריי אַרויס אַ גרויסער צדיק,
הייליק טייערער וועלט באַשיינער!
ליגסט פאַרשאָטן אין אַ קבר
ווו עס פוילן דיינע ביינער.

און מיט מיר זיין גאַנצער סופרות
וויינט ווי ער אַמאָל אין חצותן, —
אויף די פּסולע ספרי תורות,
און דעם פאָלק ישראל פאַרלאָזן....

און איך קוש אַריין מיין וויטיק
אין זיין תיקנדל דעם אַלטן, —
בלעטלעך געל באַפּלעקט מיט טרערן
וואָס רהאָט דאָרט אַריין באַהאַלטן....

מיין ירושה

ניט קיין פּערל גאָלד בריליאַנטן,
אָדער גאָר אַ פּאַלאַץ דירה,
האָט מיין איינזאַם שטילער טאַטע,
מיר געלאָזן נאָך זיין פּטירה.

נאָר אַן אָרעם תפילנזעקל,
מיט אַ זוהרל אַ בלאַסן, —
געל געפּלעקט פון יענע טרערן
וואָס ער האָט אין צער פאַרגאָסן.

נאָך אַ פּאָר נגונים באַנגע
וואָס באַגלייטן מיט קדושה, —
מיינע לידער, איז געבליבן
נאָך מיין טאַטן מיר ירושה....

סופר־לידער

סופר־לידער אויסגעזונגען,
סאיז מיר אויך מיט אייך ניט גוט!
ספּליסט געהיים אין מיינע גלידער
אומרו נאָך פון טאַטנס בלוט....

און וואָס מער די ביינער זיינע
שימלען שטויבן אין דער ערט, —
ווערט מיין לעבן אַלץ פאַרבענקטער
טיף פאַרטראַכטער און פאַרצערט.

איינמאָל ווייס איך וועט מיין בענקען
נעמען אויך אַ שטילע ענד, —
איך וועל בלייבן ווי מיין טאַטע
ליגן קאַלט מיט געלע הענט....

סופר־לידער אויסגעזונגען
ווי איר בלייבט מיר אייביק טריי, —
די געבליטן פון מיין טאַטן
לאָזן קיינמאָל מיך ניט פריי!....

ווען דו רעדסט צו מיר...

מאַמע, דיין געקנייטשטער שטערן
מיט דיין פּנים שרומפּיק מאַטן,
האָב איך ליב ווי דיינע טרערן
ווען דו רעדסט צו מיר פון טאַטן.

ווען פון טאַטן כהער דיך ריידן,
און די טרערן דיינע פליסן, —
מיינע ליפּן שטום פאַרביסן
האַלט איך ביז סוועדט לייכט מיין ליידן....

אין טהרה־שטיבל

כהאָב דערקענט דיין ווייסן קיטל
איינגעפלעקט פון דיינע טרערן,
און דיין טייערן כפּור־היטל
אויף דיין הויכן, געלן שטערן....

ס'האָט מיין האַרץ געבעטן רחמים
ליבער זיין אַליין פאַרשניטן,
איידער אַזאַ טייערן אוצר
מיט די אייגנע הענט פאַרשיטן....

דער זייגער

דער זייגער פון מיין טאַטן, דער געטרייער היטער,
וואָס איז מיט גרויס דרך ארץ געהאָנגען אויף דער וואַנט, —
און געהערט זיין זוהר לערנען מיט אַ ציטער
און איז ביים גאַנצן לעבן געווען זיין רעכטע האַנט;

ער האָט אונדז אָפּגעהיטן די שעהן און מינוטן
און טריי געוועקט אויף תמיד פּינקטלעך וואָך צו זיין, —
היינט ער גייט נאָך ווייטער, ווען לאַנג שוין אויסגעליטן
האָט זיך סהאַרץ פון טאַטן, און סאיז געבליבן שטיין....

ער האָט זיך ניט פאַרענדערט, און איז אויך ניט אַנטשוויגן,
נאָר קלאַפּט נאָך פונקט ווי דאַמאָלט מיט דעם זעלבן קלאַנג, —
אַז מיר דוכט איך הער נאָך — דעם טאַטנס זוהר ניגון
וואָס גיסט זיך שטיל צוזאַמען מיט דעם זייגערס גאַנג....

אין א נאכט פון אדר...

איינמאָל אין אַ נאַכט פון אדר
האָט דער אומגליק מיך געטראָפן, —
און מיין טאַטע איז מיר טרויריק
ווי אַ פויגל איינגעשלאָפן....

איינמאָל אין אַ נאַכט פון אדר
האָט מיין מאַמע מיך געבוירן, —
מוז איך טאָפּלט אויף דעם חודש
וויינען קלאָגן, טיף און טרוירן....

זיין פּען

אָ, וועמענען וועט מען דען געבן
קאָנען זיין פען אין דער האַנט, —
וואָס ער האָט געהאַלטן ביים לעבן
אַזוי ווי אַ טייערן בריליאַנט ? !

ווי ווייניק עס איז דאָ פאַרבליבן
פון האַרץ פון זיין גרויסן צעהעלט, —
זיין יעדערעס וואָרט ניט פאַרשריבן
וועט פעלן אויף אייביק דער וועלט....

סאיז געווען...

סאיז געווען אַ צאַרטע סטרונע
אויף דער גרויסער, האַרצנס פידל
פון דער ווייטער טיפער וועלט ;
האָט דאָס שטיל פאַרבענקטע יידל
פול מיט ווייטיק און אמונה
אויסגעשפּילט זיין איינזאַם לידל
אָפּט אין הונגער נויט און קעלט.

און די האַרצעדיקע טענער
פּלענן זיך ביינאַנד צוגיסן, —
מיט אַ צער אַ שטומען זיסן,
יעדן מאָרגן — קלאָרער, שענער,
ביז אויף איינמאָל זיך צעריסן
האָט די סטרונע און געשפּרונגען....
מיט דעם לידל און פאַרקלונגען....

נאָר זיין עצבות איז געבליבן...

אויסגעצוימט מיט געלע גאַרבן
איז געווען דעם טאַטנס הויט, —
איידער סהאָט דער ווײ פון שטאַרבן
אים באַפרייט פון גרויער נויט....

סהאָבן זיינע מידע גלידער
מיט די שורות זיך צעשיט, —
ווי דער איינבאַנד פון אַ סידור
דורכגעריסן אינדער מיט....

אויסגעמעקט זיך און פאַרפלויגן
איינמאָל אין אַ טיפן חצות, —
איז זיין שמייכל פון די אויגן
ווי די תגין פון זיין אות....

נאָך זיין עצבות איז פאַרבליבן
אין מיין האַרצן הייליק שטום, —
און איך טראָג אים מיט אַ ניגון
ווי דעם אָוונט־טוי די בלום....

אַזויווי דער ריח פון דופטיקע בלומען

עס שוועבט נאָך אַרום פון זיין ניגון דעם פרומען
אין חלל אַ זאַנפטער, אַ זילבערנער קלאַנג, —
אַזויווי דער ריח פון דופטיקע בלומען
וואָס זענען געריסן געוואָרן ניט לאַנג....

נאָר שטיל ליגט דער צדיק געהיים און אַנטשוויגן
אין חלום פון אייביק פאַרזונקען, פאַרקלערט, —
דאָך הערט ניט אויף פליסן זיין הייליקער ניגון,
נאָר ציטערט ווי טוי אויף דער בלום ניט געהערט....

זיין סידור...

בגיי אריין אין טאטנס חדר,
און פארמאך זיך אויפן ריגל,
זע איך ווי פארלאזט די קליידער
זיינע הענגען אינעם שפיגל....

און באקוקן מיטן בלייכן
בילד זיך אינעם שווארצן ראמען,
וואס עס גיסט זיך מיטן ווייכן
צער וואס שוועבט אין שטוב צעזאמען....

זעע איך זיך פארבענקט אנידער
אויף זיין פשוט אלטן בענקל,
נעם ארויס זיין גרויסן סידור
פון פארשטויבטן ספרים שענקל.

ביז כהייב אן פון זיינע קנייטשן
און די געלע פלעקן ליינען, —
וועלכע טוען שטיל פארטייטשן
מיר זיין לעבן טיף פון פיינען....

זינג איך מיט...

קלינגט ניט מער די זאנפטע שטימע,
פליסט ניט מער דאס הייליק ליד, —
וואס האט סהארץ מיר אויפגעעפנט
ווי די זון א פרילינג בליט....

ציטערן ניט מער די פינגער,
גיסט ניט מער דער בוימל זיך;
יואס האט ליכטיק ווי א קניטל
אנגעצונדן מיר מיין איך....

פאלט ניט מער די טיירע ברכה
אויף מיין לעבן ווי א טוי, —
שיילן זיך ווי לעצטע רויזן
מיינע טעג אין אסיען גרוי....

שטיי איך שטום פֿאַרבאָרג די טרערן
אין צעבענקטן האַרץ פֿאַרשמאַכט,
בליקן פֿון מנורהס רערן —
צו מיר אויגן בלינדע אַכט....

וואַרף איך זיך אַנידער כורעים,
גייט מיר ווידער אויף דאָס קול;
ווי דעם לוים אין בית־המקדש
הייליק, האַרפֿנדיק אַמאָל....

ליג איך ציטער אין עזרה
באָרג פֿאַר שרעק מיין פּנים איין,
ווערט מיין ווייטיקס פּורפּל פֿאָדעם
ווי אַ שניי געבלייכט און ריין..

גיסט די ברכה מיטן בוימל,
ווידער הייליק זיך ביינאַנד, —
צינדט מיר ווידער די מנורה
אָן זיין ציטריק ריינע האַנט....

הייב איך אויף זיך ווי אין חלום,
זינגט פֿאַר מיר אַ גאַנצער דור; —
זינג איך מיט דאָס ליד פֿון דבקות
פֿון צווייטויזנט באַנגע יאָר..

אַלץ וואָס כּפֿאַרמאָג...

עס האָט אין מיין האַרצן אַ בענקשאַפֿט פֿאַרזיגלט,
מיין פֿאָטער דער הייליקער, געטלעכער קנעכט,
און דאָרטן פֿאַרבאָרגן דער ווייטיק זיך שפּיגלט, —
פֿון אים, און זיין ליידנדיק גאַנצן געשלעכט.
איך האָב מיט דעם שמערץ זיך אויף אייביק פֿאַריגלט —
און היט אים אין איינזאַמע טעג און אין נעכט....

עס זענען געפֿאַלן צוויי הייליקע טרערן,
ווען סהאָט מיר מיין מוטער געזונגען אַ ליד, —
ביים וויגל, און כהאָב אים איר עלט דעם שווערן,
פֿאַרנומען ביינאַנד מיט איר טרויריק געמיט.
און וויל איך ווען זינגען פֿון לוסט און באַגערן —
דאַן פֿילט זיך מיין האַרץ צו מיין מוטערס געשמידט.

און כפאַל אַזוי באַנג און פון יעדן פאַרשטויסן
אַריין אין דער שוים פון מיין מאַמען מיט קלאַג; —
אַזויווי דער פרילינג מיט בליאיקע רויזן
פאַרלאָזט אין אַ טריבן און האַרבסטיקן טאָג....
די בענקשאַפט מיין פאַטערס דעם איינזאַמען גרויסן;
די טרערן מיין מוטערס — איז אַלץ וואָס כפאַרמאָג....

פאַר מיין טאַטנס קבר...

שטיי איך פאַר מיין טײַרן טאַטנס
אויפגעהויבטן בערגל ערט,
בויר איך איין אין אים די אויגן
מיט מיין בענקשאַפט טיף פאַרצערט....

איינמאָל ווען איך האָב געזעגנט
זיך פון אים און בין אַוועק, —
האָט ער אויך אַזוי די אויגן —
איינגעבוירט אין מיר מיט שרעק....

וואָס ער איז פון מיר דערגאַנגען
האָט זיין טרער מיר אויסגעזאָגט;
היינט ווען כקאָן אים נישט דערלאַנגען —
וויים איך ערשט וואָס כהאָב פאַרמאָגט....

בויג איך איין זיך לייען זיין נאָמען
פון מצבה שטיל אַפיר, —
רעדט זיין ביין צו מיינע ביינער,
און זיין פראַך, צום פראַך אין מיר....

ווערסט פאַרגיין אַלעבנסמידער,
ווי די בלום אין אָסיען גרוי, —
נאָר אַ פלאַם פון דיינע גלידער
פאָספאָרדיק וועט אויפגיין בלוי....

בויר איך טיפער איין די אויגן
אינעם גרוב און צייל מיט פיין, —
זיינע לעצט געבליבנע קנאָכן,
ווי מיין קינדס געוואָרנע ציין....

ס׳איז אמאָל אזוי געזעסן...

ביי דעם אויוון טיף פארשוויגן
זיץ איך קוק אין פלאַם אריין,
און פון גרינלעך גאָלדענעם שיין —
נעמען זיך זכרונות וויגן....

עפּעס גיסן קלאַנגען טריבע
הייליק זיך פון הארץ ארויס, —
ווי פון לעצטער זומער־רויז
ריחות שיכורע פון ליבע....

סאיז אמאָל אזוי געזעסן
גלייך ווי איך אצינד מיט טרויער
אין מיין לידער־בוך פארטיפט, —
שטיל דער טאַטע ביי א זוהר
פון דער גאַנצער וועלט פארגעסן
און זיין אויג האָט אים געטריפט....

סעודת התורה

סגייט דער טאַטע אויפגעהייטערט,
און זיין שמייכל גיסט זיך, העל, —
ווי לבנה פרום און געל,
שיינט זיין פנים שטיל דערוויטערט..

און די פרייד זי טראָגט און ברייטערט
אויס זיך מיט געזאַנג און טאַנץ, —
און פון מוזיק, פאקל־גלאַנץ,
ווערט דער עולם אויפגעהייטערט.

סדרינגט די שמחה ווייט אָן מורא
פולט מיט גליק דעם טרערן כוס....
ביז ספארשטומט די מרה־שחורה;
מיט דער בענקעניש פון חצות....
יעדער ייד אין ספר־תורה
שרייבט אריין א הייליק אות....

ביים באַזען די פּרשיות...

(אהרן צייטלינען אַ נאָנטן גרוס פון דער ווייט...)

טונקל ווערט אין קליינעם חדר,
און דער אויוון ברענט זיך אויס,
סהענגען פונעם טאַטנס קליידער
צויטן טרויריקע און גרויס....

דרויסן איז אַ פראָסט, אַ קרירה,
פייגל פאַלן טויט פאַר קעלט,
איינגעשנייט דער שבת־שירה
גרייט זיך קומען אויף דער וועלט.

סזיצט דער טאַטע ביי דעם אויוון,
תפלין הייליק ער באַזעט, —
זילבער־ביימלעך פון די שויבן
דאַוונען מנחה סאיז שוין שפעט.

מיט אַ חידוש הייבט זיין וויע
פלוצים אויף זיך ציטריק, שלאַף, —
צו באַזען אַ גרויסע זכיה
איז ר' שמעון סופרס כתב....

און באַגייט מיט טינט די שטילע,
שורות ביז אַריין אין חצות,
ציילט ווי פערל יעדע מילה;
און באַקוקט אַ יעדעס אות.

אוי איז דאָס געווען אַ גדול
שמייכלט ער צו זיך מיט רו, —
נעמט דעם גידן מיט דער נאָדל,
און ער נייט די תפלין צו....

וואַרעמט זיך די בלויע פינגער,
ביי דעם אויוונס לעצטן קויל, —
און ער פילט נישט ווי פון הונגער
טרוקנט אים די צונג אין מויל....

ביים לינירן

פון יריעה די גליונות
ווען דער טאַטע פלעגט לינירן,
פלעגט ער מעסטן מיט אַ צערקל
און אַן אַל אַריבערפירן.

אַז עס זאָלן זיך די שורות
צו דעם שרייבן נישט פאַרקרומען,
האָט ער תמיד מיך אַלס שותּף
צום לינירן צוגענומען.

כּהאָב די ליניע פעסט געהאַלטן
און געקוקט אויף יעדן צייכן,
פון דעם ווייס־לאַקירטן פּאַרמעט
וואָס ער פלעגט זיך גלאַנציק בלייכן.

די יריעה פלעגט דער טאַטע
אָפּלינירט אַוועקצולייגן,
און די פּען אַרויסגענומען
פונעם טינטער טיף מיט שווייגן.

צו דעם הימל זיינע אויגן
אויפגעהויבן, איינגענעצט זיך, —
קוים די פינגער אינעם וואַסער
שרייבן שטיל אַוועקגעזעצט זיך.

האָבן הייליק זיך באַוויזן
אויף די שורהלעך לינירטע, —
אותיות געטאָקט ווי פּערל
און מיט תגין שטיל באַצירטע.

סהאָט אַזאַ מין טיף באַגערן
דאַמאָלט מיך אַרומגענומען, —
צו מיין טאַטן, אַז די טרערן —
זענען מיר אין אויג געקומען....

ניט געפילט

דרויסן האָט דער שניי געפּערלט
פאַר די אויגן און געשיט, —
גאַסן האָבן אויפגעשימערט
פונעם פראָסט — און אייז פאַרשמידט.

סהאָט דער אויוון זיך געררייכערט,
און געווען איז טיף פאַרשנייט, —
אונדזער הייזל, פון די פענסטער
האָט דער פראָסט אריינגעווייט....

און דער טאַטע איז געזעסן,
ניט געפילט, און ניט געזען,
ווי עס רויכערט זיך דער אויוון
נאָר געהאַלטן טריי די פען....

מיט אַ ניגון אויף די ליפּן,
און אין האַרץ דער גלויבן גרויס, —
איז אַן עמוד, נאָך אַן עמוד;
פון זיין שוואַכער האַנט אַרויס....

סהאָט דער טאַטע ביי דעם ספר
מיט זיין הייליק סופר־כתב, —
נישט דערפילט ווי זיינע גלידער
ווערן וואָס אַמאָל מער שלאַף....

ביז די מאַמע איז געקומען
און אַ גרויס געשריי געמאַכט, —
טיר און פענסטער אויפגעריסן;
האָט דער טאַטע ערשט דערוואַכט....

מאמע ליבע

מאמע ליבע

1

צו דיין קבורה כבין געקומען,
טיף געפייניקט, אויפגעריסן, —
איז געוועזן מיין געוויסן,
לייגן אויף דיין קבר בלומען.

בלומען, אָ פון וואנען נעמען
זאָל איך זיי דען דיר צו געבן ?
סיידן פון מיין עלנד לעבן
דעם פארביטערטן גיהנום.

מאמע דיינע שטילע טרערן,
געלע פלעקן אינעם סידור,
און מיין אייביקן זיין פארשטויסן, —
זענען מיינע ליליעס, רויזן,
מיינע באנגע בלומען־שטערן
לייג איך אויף דיין גרוב אנידער....

2

דאָס גערטל ארום האָט געבליט און נאָך קוים
געעפנט אויף מיר האָסטו טרויריק די אויגן,
עס האָט דיך אזויווי די עפל געצויגן —
ארונטערצופאלן פאר מידקייט פון בוים....

איך האָב דיך באטראכט, דיין געלייטערט געזיכט,
וואָס אלעס דו האָסט שוין אין לעבן דערטראָגן ;
דו האָסט מיר געוואָלט דאָס פארשוויגנסטע זאָגן — —
נאָר סאיז דיר ווי סזילבער צערינען פון ליכט....

וואָס קאָן מען אן אָרימער מאמען דען געבן,
וואָס האָט זיך שוין סהייליקסטע, העכסטע פארדינט ;
און תמיד באריט צופארשענקען איר לעבן
זי איז דאָך אוים ליבע געווען צו איר קינד....
מער נישט, מיט שויפעלעך ערט אויפגעשניטן,—
איז מען דער ערשטער איר גרוב צופארשיטן....

3

דער שטול נעבן טיש שטייט פאַרלאָזן,
דער צאינה וראינה, די בריל, —
זיי ליגן נאָך הייליק און שטיל,
אין גערטל שוין וויאַנען די רויזן.

עס קוקט נאָך איר גאָלדענער שרפה
די זון פונעם הימל פאַרטרערט,
ווי ס'פאַלן אַראָפּ שוין אויף דרערט —
פוןביימל די עפּל די רייפע.

עס האָט זיך נאָך גאָרנישט געביטן,
סאיז אַלעם אַזוי נאָך ווי פריר
פונקט אויף דעם זעלביקן אָרט, —
עס הענגט נאָך דיין קלייד אויף דער טיר,
אין חלל נאָך וויגט זיך דיין וואָרט,
ווי דופט פון פאַרוויאַנעטע בליטן....

4

אַלע בלעטלעך פון דיין תחינה
אויסגעוויינט און אויסגעבעטן,
איינגעקנייטשט פון דיינע דינע
הענט וואָס פלעגן מיך צו גלעטן.

לייכטן אויף מאור „השכינה“,
מיט אַ יעדן אות באַזונדער, —
וואָס עס האָבן דיינע דינע
ליפּן אויסגעקושט מיט וווּנדער.

פון דעם ליכט אַדורכגענומען,
הויב איך זיך ווי זילבערפונקען
אויף צום הימל פון דערנידער; —
ווי אַ וואַנדערער געקומען
צו אַ קוואַל זיך אָפּצוטרינקען —
לאָז איך ווייטער זיך מיט לידער....

5

דאָס פלעמעלע וואַנדערט אויף ווענן
פון חושך אַרום אויף דער וואַנט,
עס דופטן די רויזן פאַרוויאַנט
צעשיילטע פון ווינט און פון רעגן.

עס שטייען די ליכטער פּאַרלאָשן
וואָס האָבן צו קאָפּ דיר געברענט, —
דאָס שווייגן פון טויט כהאָב דערקענט,
וואָס האָט דיך מיט שטילקייט פאַרגאָסן....

און טיף אין די גליוריקע שטראָמען,
זיך האָט מיין נשמה פאַרלוירן,
אַזויוי דיין ווידוי געבעט;
אַ מאַמע וואָס האָסט מיך געבוירן,
גערופן האָסט לאַנג נאָך מיין נאָמען,
נאָר איך בין געקומען צו שפּעט....

6

ווער צינדט מיר אין חלום בגנבה
אין הארץ אָן אַ ליכט אַ פאַרלאָשנס?
צו זען דיינע אָרימע גראָשנס
אין בייטעלע אויף אַ מצבה....

אין הייליקן סידור די פלעקן
אַזויוי פאַרוויאַנעטע בלומען, —
מיט טרויעריק הארבע פערפיומען
זכרונות פאַרווייטע דערוועקן....

אַ צעטל אַ ציטריקס פאַרשריבן,
מיט שטומע בקשות און פיינען —
איך זאָל נישט פאַרגעסן צו ליינען;
עס איז מיר ירושה פאַרבליבן,
וואָס בעט ביי מיר, מאָנט ביי מיר, און —
פאָדערט: זאָג קדיש מיין זון!....

7

ווען דער צער אין מיין געמיט
וויל אַ רגע נישט פאַרשטומען,
טראַכט איך מיר אַ קייגן קומען
ועסטו ווען כוועל ווערן מיד....

כאָטש איך בענק דאָ בין איך פאָרט
גליקלעך אין מיין טרויריק ליבן;
ווייל כהאָב נאָנטע מער שוין דאָרט —
ווי עס איז מיר דאָ פאַרבליבן....

ווען סוועט קומען אָן די צייט,
איך וועל שיידן זיך באַדאַרפן,
ווי אַ בלעטל אויפגעראָלט
וועל איך אויסגיין פון אַ קווייט
ווען די אָסיענוווינטן האַרפן
איינגעהילט אין זונענגאָלד....

8

איך שרעק זיך דאָ אָפטמאָל אין פיבער
ווי כוואָלט אים דיין אָטעם דערשפּירט,
אַ רגע, — און אַלץ איז אַריבער
ווי גאָרנישט דו וואָלטסט עגזיסטירט....

צי איז דען נישט סהעכסטע דערגרייכן
אין מענטשלעכן לעבן דאָס זיין?
אַזויווי אַ גרוילעכער צייכן —
פון נעפּל אין זוניקן שיין....

ווי גליקלעך איך בין דאָס געוועזן
מיט פליגעלעך זילבערנע מאַט,
ווען כהאָב נאָך אַרום דאָ געשוועבט; —
אַזויווי אַ פויגל געלעבט.
און כאָטש איך האָב גאָרנישט געהאַט
די וועלט איז דאָך מיינע געוועזן....

9

דיינע הענט צייט מיין געבוירן
האָבן מיך געלאַשטשעט צאַרט,
און באַדינט ביז זיי געוואָרן —
זענען קאַלט, און געל און האַרט.

האָב די ליפּן איך פאַרצויגן
האָסטו וווּנדערלעך דערקענט, —
מיר דעם צער פון מיינע אויגן,
מיך געגלעט מיט דיינע הענט.

פון אַ ליידן אָפּט אַ שווערן
ווען אין פיבער כהאָב געברענט,
דאַמאָלט מאַמע דיינע הענט;
פון דעם הימל אַלע שטערן —
וואָלטן מיר געגעבן גערן,
ווען זיי וואָלטן נאָר געקענט....

10

עס האָבן דריי טרערן געקושט און געגלעט מיך
דריי טרערן ווי פּערל גאַנץ ריין,
איינע האָט טרויריק מיין פאָטער פאַרגאָסן,
די צווייטע מיין ליבסטע מיט פּיין.

די דריטע מיין מוטער די בלייכע באַטריבטע
ווען זי האָט מיין פּנים באַטראַכט,
און שטאַרקער צום האַרצן ווי יעדע געליבטע —
מיט ליבע געדריקט מיך פאַרשמאַכט.

איך האָב פון מיין ליבסטער, פון טאַטן און מאַמען
געהיים אויף מיין פּנים דערשפּירט, —
די טרערן ווען איך האָב מיט זיי זיך געזעגנט,
געקליבן אין וועג זיך גערירט....

ווי הייליק עס זאָלן נישט זיין מיר די טרערן
איז זיי צו דערטראָגן מיר שווער,
זיי פּרעסן דאָס האַרץ מיר אַזוי ווי די אַלפּן,
איך קאָן נאָר דערטראָגן איין טרער....

מיין פאָטער דער פרומער ער וועט מיך פאַרגעסן,
ווען ער וועט נאָר לערנען זיין שיעור,
דעם שיעור פון גמרא די הייליקע טיפע,
ער וועט באַלד פאַרגעסן אָן מיר....

מיין ליבסטע די צאַרטע וועט אויך מיך פאַרגעסן,
ווען סוועט צו איר קומען מיט פּראַכט, —
אַ שענערער בחור און קושן די אויגן
וואָס איך האָב פאַרטרערט איר געמאַכט....

נאָר די וואָס האָט לידלעך ביים וויג מיר געזונגען
זי וועט נישט פאַרגעסן איר קינד, —
נאָר קוועלן ביי טאָג און ביי נאַכט זיך אין בענקען
דערמאָנען מיין נאָמען מיט ווונד.

אוי מאַמעניו טייערע, עלנדע מוטער,
איך ווייס ווי דיין האַרץ איז דיר שווער, —
איך נעם אין מיין וועג, פון די טיירע מתנות —
נאָר איינע — דיין הייליקסטע טרער....

11

ווען דו הייבסט אויף מיר מיט רחמים
אויף די ליידנפולע אויגן,
ווי צו דרערט א באנגע ווערבע
בלייב איך שטיין פאר דיר געבויגן.

דיינע גרויע האר, דיין שטערן,
און פון פנים דיינע קנייטשן, —
זענען הייליקער פון אלע
ספרים מיט די טיפסטע טייטשן....

קדוש, קדוש, מיינע ליפן —
מורמלען היים צו דיר מיט ציטער,
כוויים וואס ד'האסט פאר מיינעטוועגן
אויסגעליטן שווער און ביטער.

וויפל נעכט שוין נישט דערשלאפן,
וויפל טעג שוין נישט דערעסן ?
ביסטו פאר מיין קראנקן וויגל
א באטריבטע אפט געזעסן.

קליינערהייט ארומגעטראגן
אויף די הענט מיך פול מיט זארגן, —
גרויסערהייט ביי דיר אין גוטן
און געטרייען הארץ פארבארגן....

וואס דען ביסטו אלץ נישט מאמע
גרייט געווען מיר אפצוגעבן ?
סלעצטע העמד פון לייב ארונטער,
און אפילו אויך דיין לעבן !....

מיט וואס קאן איך דען מיין טיירע
פאר דיין ליבע דיך פארגעלטן ?
אז א קייגן מאמע-ליבע,
זענען ארעם טויזנט וועלטן !

מאמע-ליבע, מאמע-טרייקייט,
שוידערט אויף מיין הארץ מיט ציטער,—
ווי צו דרערט א באנגע ווערבע
בויג איך זיך צו דיר מיין מוטער !

12

דאָס קלייד איז צעריסן וואָס דו האָסט געטראָגן,
די שיך שוין צעפאַלן פון לאַנג,
די ווערטער באַהאַרצט וואָס דו פלעגסט מיר צו זאָגן
פאַרקלונגען ווי סשענסטע געזאַנג....

אין גערטעלע בליען די רויזן שוין ווידער
צעבלעטערט פון זון און פון ווינט, —
עס זומערט — די לערכע מיט דופטיקע לידער
באַגליקט אַלץ וואָס טיף איז צעגרינט....

„אַטייל זענען גליקלעך, די אַנדערע פאַרבן
מיט בלוט זייער לעבן — דאָס שיינס....
מעג מען ווי אַלט זיין וויל קיינער נישט שטאַרבן,
ווייל הונדערט און איינס איז אַלץ איינס"....

אַזוי האָט דאָס אָרימע קול דיינס צעבראָכן
געציטערט און ווייגען געוואָלט,
די טרויבן אַרויף ביז צום פענסטער געקראָכן
זיי זענען צעפורפלט ווי גאָלד.

און דו האָסט פאַראומערט אַרונטערגעלאָזן
צו דרערט דיין פאַרלאָשענעם בליק,
עס האָבן די רויזן די קעלכן פאַרשלאָסן
מיט אָוונט־טוים־פערל מוזיק...

ניט ווייט נעבן טייעכל ביסטו געשטאַנען
ווען איך האָב באַטראַכט דיין געזיכט, —
דיין וואָרט האָט געציטערט אין זונשיין ביז וואַנען
עס האָט זיך פאַרלאָשן אין ליכט....

אַ מאַמע עס וועט דאָך שוין לאַנג מער נישט דוירן,
און זיין כוועל וואָס איך בין געווען, —
נאָך איידער דו האָסט מיך מיין טיירע געבוירן
די פיין פון פאַרגיין צו דערזען....

13

אַ מאַמע ווי גרויס איז געוועזן דיין צער,
דו האָסט דיר אין לעבן קיין גוטס נישט פאַרגינט,
און גיט עס אין הימל פאַר גוטסקייט אַ שכר,
דאַן האָסטו אים כשר און הייליק פאַרדינט.

דיין לויטערע יוגנט נאָך שיינקייט פאַרבענקט,
דיין שיינקייט פון בענקשאַפט נאָך ליבע פאַרשמאַכט, —
זי האָסטו אַן איינזאַמען סופר פאַרשענקט,
וואָס האָט דיר נאָר נויט פון זיין פרומקייט געבראַכט....

איך האָב דיך געזען אין דער ליכטיקסטער צייט
פון לעבן, — ווען אַלעס נאָך שטראַלט און עס בליט;
דאָך האָט זיך דיין בליק שוין מיט אַלעם צעשיידט —
אַזויווי די זון מיטן טאָג וואָס פאַרגליט....

און דו האָסט דיין לעבן אַן ליבע פאַרזוימט,
צוזעט נישט אפילו געגוגט האָט דיין ברויט,
באַדינט האָסט אַ סופר, נאָר שטיל און געטרוימט—
פון לעבן וואָס קומט ערשט אַמאָל נאָכן טויט....

14

אַ מאַמע עס נאָגט אין מיין האַרצן אַ טאַמער,
און זויגט אַן מיין לעבן מיט אומרו געקוועלט, —
ווען דו וואָלסט געוווסט פון מיין עלנט און יאָמער,
דו וואָלטסט מיך געוויסט נישט געבראַכט אויף דער וועלט.

צו האָפן אויף פריידן, און לעבן אין ליידן,
זיך וועלן און קיינמאָל נישט קאָנען דערגיין;
און טוט ווען אַן אויסערער צער מיך פאַרמיידן,
באַשאַף איך אַ טיפערן צער מיר אַליין....

איך בין דאָ געקומען אַ ווינט צו פאַרשוועבן,
וואָס רייסט און פאַרציטערט אַ יעדערעס בלאַט, —
און וואָלטסטו געוווסט סאַראַ צער מיט מיין לעבן
דו ברענגסט, אַ דו וואָלטסט מיך געווים נישט געהאַט!....

15

בעת כהאָב מיין מוטער פאַרלאָרן
איז בין איך געווען אַזוי קאַלט, —
אַזויווי אין ווינטער פאַרפראָרן
פון אייזיקע שנייען דער וואַלד....

דערנאָך ווען מען האָט זי גענומען
איך האָב ערשט דערפילט ווי דער פראָסט, —
צעשמאָלצן פון טויזנטער זונען
וואָלט פלוצים אין האַרץ זיך צעלאָזט....

16

דיר אַ קבר אויסגעגראָבן
האָט מיט ווייטיק מיין געדאַנק, —
אַז ער זאָל דיך ליגן האָבן
אין מיין האַרצן אייביק לאַנג....

טראָג איך דיך אַרום אָן קלאָגן,
אין מיין האַרצן אָן אַן ענד, —
ווי דו האָסט אַמאָל געטראָגן
מיך אַלס קינד אויף דיינע הענט....

װען סרופּט צו דיר
דײַן ברודערס בלוט!

דעם סידור

עס בליען און סדופטן די בעזלעך שוין ווידער
באהאנגען מיט טויען ווי פערל,
עס ווייגט יעדעס בעזל א טרערל,
די פייגעלעך זינגען פאראומערטע לידער.

א קדיש נאך אונדזערע איינזאמע ברידער,
וואס זענען אוועק אין קדושה;
געלאזט אונדז א גרויסע ירושה —
פון ליידן א הייליקן סידור....

מיר וועלן דעם סידור אויף אייביק אפהיטן
אין וווּנדיקן הארצן פארבארגן,
ניט לאזן קיין אות גיין פארלוירן, —
אפילו מיר וועלן א ליכטיקן מארגן
אויסדאווגען, פון הארץ זיך, די בלוטיקע שניטן —
ארוים וועלן אייביק דארט טרויערן....

מיין פאלק!

ווי די רות, די בלאנדע, טריבע,
איז נאך נעמי'ן נאכגעגאנגען;
גייען מיינע צער־געזאנגען —
נאך דיין אומגליק פאלק מיט ליבע....

און אין הארצן א פארלאנגען
שטיקט זיך ווי אין חשכות שטערן,
פון די אויגן קריכן טרערן —
ווי פון מדבר בייזע שלאנגען....

פאלק מיין פאלק, דער אומגליק דיינער,
די ענויים פיין און תפיסות,
מיט די שווידערדיקסטע מיתות;
יא, דער אומגליק איז אויך מיינער,
ווייל צו דיר און דיינע ווונדן —
ביז צום גרוב כבין צוגעבונדן....

הפקר בלימל...

סהאָט אַ בייזע האַנט גענומען
אָן אַ ציטער פון געוויסן, —
דיך און סשטענגל אויסגעריסן
מיט צעבליטע, יונגע בלומען....

איז דיין בלוט ווי דופט פאַרשוומען
הייליק איבער וויסטע פליינען,
איינגעוויקלט טיף אין שטיינען —
די פאַרשוויגענע אַרומען....

פיל איך דיך אין טוי פון הימל
אָנהויב פרילינג ווען עס בליט,
פייגל לאָזן פריי די נעסטער, —
מיין באַטריבטע פאַרלאָזטע שוועסטער,
שיינקייט טרויריקע פון ייד —
ביסט אָן אייביק הפקר־בלימל....

צו דער סעודה...

ווי איז עפּעס היינט מיין פּורים,
און ווו זענען מיינע געסט?
צו דעם גרויסן פּורים פעסט —
דוכט מיר עפנען אויף זיך קברים....

אויפן טיש עס שטייט דער בעכער
פול מיט וויין נאָר אומבארירט;
און אין אויר באַנג וויברירט —
עפּעס אַ געהיימער עכאָ

פון פאַרשפּאָטע גסיסה־לידער,
מיט צעבראָכענע כלי־זיין
אין פאַרקוילטע פינגער־קנאָכן; —
און סמאַרשירן גאַנצע רייען,
פון דער ערט אַרויסגעקראָכן,
צו דער סעודה מיינע ברידער....

שיר השירים

פון די ביימער און די טייכן,
און די דופטיקע ביכורים;
פון די טיפן, און די הייכן,
זינגט און קלינגט עס: שיר השירים....

שיר השירים — א פארלאנגען,
דורך די נעפלען בלוטיק טריבע, —
אין מיין הארץ איז אויפגעגאנגען
א געהייליקטעס פון ליבע.

און עס ציטערט ווי די שטראלן,
גיסט זיך מיט דעם דופט פון בלומען;
לייכט נאך אלע וואס געפאלן —
זענען טרויריק אומגעקומען....

שיר השירים אלע בליטן,
אויף דעם וויינשטאק בליען, גרינען —
פון די לעבנס פרי פארשניטן
נעמט דער אקער איבערינען....

אויף די שטעגלעך אומבאטראטן,
נעבן טייעכל דעם קילן, —
ווארטן וועלדלעך, אין זייער שאטן —
זאלן פארלעך ליבעס שפילן....

מיט דעם בלומענדופט דעם זיסן,
און די זונען וואס באגינען —
פילט מען אויך ווי טייכן גיסן
זיך מיט יידיש בלוט און רינען....

און עס ווילן זיי פארהילן
צויבער צווייט און בלעטער, צווייגן,
נאר זיי קענען זיך נים שטילן
און נים רוען מער און שווייגן....

פון די ביימער און די טייכן,
און די דופטיקע ביכורים, —
פון די טיפן און די הייכן,
קלינגט עס טרויריק שיר השירים....

מיר זענען א ווייזער...

ווי קאָן איך דען טרייסטן מיין עלנדן ברידער,
אז סליגט נאָך זיין מת פאַר דער טיר, —
ווי קאָן איך אים זינגען דען פריילּיכע לידער,
אז סבלוטיקט מיין הארץ נאָך אין מיר?

עס איז אונדזער לעבן מיט תפילות א סידור,
צעריסן פון ליידן און שרעק, —
וואָס פאַנגען פאַרצווייפלט זיך תמיד אָן ווידער,
און נעמען ניט קיינמאָל קיין עק....

אָ גלייך פון א זייגער אָן אַלטן מיט קומער
וואָס סציפערבלאַט זיינס איז פאַרגעלט, —
(און סקאָן זיין געווערק זיך ניט שטעלן,
באַוויגן פון אייביקע ווערן.)
מיר זענען א ווייזער א בלוטיקער שטומער,
וואָס ווייזט אָן די צייט פון דער וועלט....

א מאָנומענט...

שרעק ניט פאַר דעם גייסט דעם בייזן,
וואָס ער מאַרטערט אונדז און קוועלט
פון זיין הערשאַפט אויסצולייזן
העלפט ער צו אליין די וועלט....

ס'וועט פאַרשוואונדן זיין ממשלה,
און זיין רשעות וועט פאַרביי, —
ס'מוז דאָך פריער א בהלה
זיין, ביז ס'קומט דאָס גוטע פריי...

און עס וועט דאָס גוטע קומען,
און באַהערשן יעדע זעל,
און די בלוטפאַרזייטע בלומען
וועט די זון באַשטראַלן העל...

און עס וועלן די רואינען
בלייבן פון די ווילדע הענט, —
ווען עס וועט די זון באַגינען
פאַר דער וועלט א מאָנומענט...

אויף די פרישע קברים

ווי א לייב פארוואונדעט טיף אין מיין געוויסן,
וואס עס צאפּלט אויף פון יעדערן באריר,
ס'איז מיין הארץ פון וועלט אויף טויזנט שטיק צעריסן —
ס'ליגט די גאנצע וועלט פארבלוט אין הארץ ביי מיר...

כ'זע דאס לעבן דורך די טרערן פון מיליאנען,
און פון צער פארנעפּלט, טריבער ווערט מיין זין,
באטש מיין ליד פארשטומט אין רויש פון די קאנאנען, —
רופט מיין ליד פון צער די וועלט צום יום הדין.

כ'וויים די צייט וועט איבער אלע ליידן קומען
ווען באפרייט וועט זיין א יעדערנס געמיט, —
וועלן די קאנאנע, — פונעם ליד פארשטומען —
ווידער שאלען אייביק וועט דאס פרייע ליד...

אויף די פרישע קברים פון מיין פאלקסרואינען,
וו עס האט דאס גרעסטע אומגליק אונדז פאריינט, —
דארטן וועט מען איצטער קלאנגדיק געפינען
ס'הארץ מיינס ווי א סאווע, אין דער נאכט פארוויינט....

זיין לעצטער פארלאנגן...

(געהייליקט מיין יוגנט־פריינט שכנא זאגאן אומגעקומען אין
ווארשעווער געטא)

א לאמיר מיין ליבסטע אדורכגיין די מוירן,
באפויער דער ליכטיקער מארגן באגינט,
אדורך דורך דעם געטאס צעבראכענע טוירן,
פארביי דורך דעם בלוטיקן וועלט־לאבירינט....

און ווען וועסטו דארט שפּורן פון גזלן געפינען
באנאנד מיט דעם הארץ פון דיין ברידער פארבלייבט, —
א שרעק ניט, ווייל ס'האט נאך ניט ס'ליכט פון די זונען —
די ליבע פון מענטש — צו דעם מענטשן דערגרייכט...

עס איז אזוי באנג פון דעם מערדער געפאלן
דיין ברודער, — ווי מיטן אין פרילינג א בוים;
עס האט זיך דאס בלוט זיינס צעגאסן ווי שטראלן,
צעהעלט פון דער וועלט יעדן פינסטערן תהום...

באוויין אים, — ווייל ער איז געוועזן דער גרעסטער,
דער הייליקסטער קרבן פון טרויריקן היינט,
פארבארג אין דיין הארץ אים אויף אייביק מיין שוועסטער,
ווייל באלד גייט די זון פון זיין בלוט אויף און שיינט...

און שטיקט דיך דער אויר פון רויך דעם געדיכטן,
ווו ס'טראגן זיך אטעמס נאך לעצטע ארום ?
פארשלינג זיי די נעפלדיק גרויליכע שיכטן,
און ווער גיט פארבלייבט ווי אין אסיען א בלום....

און זעסטו די שוויינענדע בערגלעך פון ווייטן,
א שרעק ניט און לויף ניט מיין קינד אן דער זייט, —
נאר ריים זיי מיט טיפער קדושה די קווייטן,
וואס ס'האט מיט זיין בלוט דיר דיין ברודער פארזייט....

ווייל ס'האט דיר א פרומע צוואה געגעבן,
דיין ברודער ווען ער האט דאס אויג זיינס פארמאכט —
אז דו זאלסט א דרייפאכן לעבן דא לעבן :
פאר דיר, און פאר אים, און דעם טאג וואס דערוואכט.

און דאס איז געוועזן זיין לעצטער פארלאנגן,
יא דאס איז געוועזן זיין טיפסטער באגער,
בעפויער נאך ס'איז ניט די זון אויפגעגאנגען,
ווין אוים זי דיין לעצטע פארביטערטע טרער...

עס ציט דורך מיין הארץ זיך...

עס ציט דורך מיין הארץ זיך א טרויריקע רייע,
פון פיין און עינויים צעזאמענגעקייט,
פארהילט אין א צייט-לאנגן דעקטוך פון לייד —
א שווארצע און ענדלאז באטריבטע לויה....

פון מענער און פרויען מיט קינדער זקנים,
עס גיסט זיך די מחנה מיט פנימער בלייך, —
אריין ווי די כוואליעס פאריינט אין א טייך,
א, איינער אין אלע — און אלע אינאיינעם...

איך שפאן אויך בייננאנד מיט דער טרויריקער רייע,
דורך שטעט און דורך לענדער פאר'אבל'ט איך ציי,
מיט פיבערדיק קראנקע צעוואקלטע קני, —
איך גיי אויף מיין הילפלאזער אומהם לויה,
איך בין דאך א טרויריקער רינג פון איר קייט,
מיין פאלקס — און מיין אייגענעם אומגליק כ'באגלייט...

מיר שווערן!

עס הויבט זיך איי'ר האנט אויף לחיים אַ ברודער
אזויווי אַ פלאַמיקער זונענבאַגינען...
איך זע אייער פורפלנעם כוס איבערינען,
פון אייגענעם בלוט און צעשטיקלטע גלידער.

און כ'פיל זיך מיט אייך אַ פאַרייניקטער ווידער,
פון אלע די פיינען נאָך שטאַרקער פאַרבונדן,
עס בלוטן מיט טויזנטער אָפענע וואונדן —
פאַרסמט פון איי'ר צאָרן און צער מיינע לידער.

אַ ברידער, פאַרשניטענע עלנטע קווייטן,
איך הויב אויף איי'ר כוס פול מיט בלוט און מיט טרערן,
צו טרינקן פון ביטערן אומגליק לחיים, —
ביי אונדזערע נאַקעטע קברים מיר שווערן:
מיר אלע אבלים פון נאָנט און פון ווייטן,
אויף אויפצושטיין ווידער צום לעבן, צום נייעם!

שבעה אויף אייביק...

עס הערט ניט אויף ברויזן אין הארצן מיך מאָנען,
דאָס בלוט פון מיין ברודער דעם הילפלאָזן קרבן,
אַ איך בין אַן אבל נאָך טאַטעס מיליאָנען, —
נאָך מאַמעס מיט קינדער אומזיסטע געשטאָרבן.

איז, וועל איך אין הארצן צוויי ליכט מיר אָנצינדן,
און שטום אין אַן אשיקן זאַק זיך פאַרהילן,
איך וויל אַז עס זאָל זיך שוין קיינמאָל ניט שטילן —
מיין ווייטיק, נאָר בלאָנקען אַרום ווי די ווינטן.

אין זאָקן אין שווארצע מיין הארץ און נשמה
כ'וועל אָנטון, פאַרהענגען דעם שפיגל פון לעבן...
די ציינער ביז בלוט אין די ליפּן פאַרקריצן, —
און שבעה אויף אייביק כ'וועל בלייבן שוין זיצן,
ביז פלאַמען אַרויס וועט מיין בייזע נקמה —
דעם שונא מיין ווייטיק פאַרגיפטיקט אָפּגעבן!

אויף אלע פרעמדע שפּראַכן

אויסגעוויקט אַ בענקנדיקער ניגון
האָט מיין זעל אויף אייביק און געגלעט, —
פלעג איך רעדן, האָט מיין האַרץ געשוויגן,
פלעג איך שווייגן, האָט מיין האַרץ גערעדט...

כ׳האָב געבלאַנקעט שוין אויף אַלע וועגן, שלאַכן,
ביז איך בין צו זיך געקומען צ׳ריק. —
כ׳האָב געזונגען שוין אויף אַלע פרעמדע שפּראַכן,
פרעמד געמאַכט מיין אומגליק מיר און ס׳גליק....

פונעם וועג...

איך באַלאַנג צו יענער ראַסע
וואָס איז אייביק אויפן וועג,
טראָג אויף זיך אַ שווערע משא —
טויזנט־יעריק ביטרע טעג....

האָס פאַרפאָלגונג מיך באַגלייטן,
מיט פאַרניכטונג־שווערע לייד, —
אויף די דאַרנדיקסטע וויטן,
אָפּט צו אויסזיכטסלאָזיקייט...

פונעם וועג מיר מיטגענומען
האָב איך שטום פון צער פאַרפיינט, —
אין מיין האַרץ פאַרסמטע בלומען,
וואָס מיר בליען נאָך ביז היינט...

מיך דערצויגן האָבן קוואַלן,
קיינמאָל ניט געלאָזט מיך שטיין, —
אויסגעלערנט — הויבן, פאַלן,
און אויף אייביק ווייטער גיין...

ווען כ׳וואַרט אויף דיר...

ווען זען כ׳וועל דיך ווידער, און זיין וועט באַפרייט
די וועלט פונעם האַס און פון צאָרן,
דערפילן איך וועל אַזאַ שמחה און לייד, —
ווי דאַמלט ווען כ׳האָב דיך געבאָרן...

איך וועל מער ניט בעטן פאַר זיך נאָר אַליין
דו זאָלסט מיר בשלום אומקערן;
דערפילן דו וועסט אין דיין מאַמעס געוויין,
פון טויזנטער מאַמעס די טרערן....

ווען כ׳וואַרט אויף דיר זון, ווערט פאַרפינסטערט מיין בליק,
און טריבע מחשבות מיך קוועלן;
איך ווייס־ווען צו מיר דו וועסט קומען צוריק,
אַן אַנדערער מאַמען וועט פעלן —
איר זון, וואָס דורך דיר וועט פאַרשטומען,
שוין קיינמאָל צו איר מער ניט קומען....

מיין האַרץ איז מיט אַלע...

און ווידער שוין זעט מען אַ פלאַטערל פליען,
צעשפּרייטן די פליגעלעך ליכטיק אין קרייז, —
די בעזביימלעך הייבן שוין אויך אָן צו בליען
און דופטן אַ גליק אוים — רויט־ליליאַ און ווייס.

ווו איז ער דער ציטער פון הייליקן צאַרטן
פאַרליבט זיין, ווו איז ער דער ציטער אַוועק?
ווען כ׳פלעג מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף איר וואַרטן
אין נעץ פון פאַרכשופטע גאָלדענע טעג...

אַך וויפל פאַרליבטע אַזויווי די בלומען,
וואָס זענען פון זונשיין צעלויכטן געווען, —
ווען דעם פרילינג וואָס ווידער וועט קומען
מיט אַנאַדערע בליטן, שוין קיינמאָל ניט זען?

אַזויווי דאָס צערטלעכע לילאַ פון מילדן
צעפינקלטן בליטל פון טוי אויפן בוים, —
עס הייבט אויך אָן אויפגיין אין האַרץ מיר און גילדן
געלייטערט אין פיין טיף פון ליבע אַ טרוים...

באַגינענס און אונטערגאַנאַגס פורפּל קאַראַלן,
וואָס חתמען מיט בלוט מיך פאַרווייטיקט און שטיל, —
מיין האַרץ איז מיט אַלע וואָס ליבן, און פאַלן —
אויף אייביק פאַר פרייהייט, דעם הייליקסטן ציל....

א רויטער לג בעומר...

קינדערלעך טיירע ארויס פון די קברים,
געמאָרדטע פאַרפּייניקטע פון דייטשן באַדריקער,
כ'וועל קריעה מיין הארץ זיין — אויף טויזנטער שטיקער
צעטראָגן זאָל ביטער מיין יאָמער דער שטורעם!

קינדער אַרויס מיט די ביקסלעך אין מאסן!
פאַרפּירט א מלחמה איר הייליקע טרוימער, —
עס איז אויף דער וועלט היינט א רויטער לג בעומר —
ווייל ס'לויפט נאָך דער מערדער אַרום אין די גאסן...

פאַר אייער פריצייטיקן לעבן דעם פרומען,
פאַר אייערע הילפלאָזע מאַמעס געשרייען, —
איר צאַרטע פאַרשניטענע, הייליקע טרוימער;
באַצאָלן די וועלט וועט מיט צענפאַכע ווייען,
ווייל ז'האָט אייך פון רויבער אַרויס ניט גענומען,
געלאָזט אויף אייך קומען דעם רויטן לג-בעומר...

ב.

ס'איז לג בעומר לאָמיר צילן
פלינקער מיטן פייל פון בויגן,
טיירע קינדער, מאַכט די אויגן
ווידער אויף און לאָמיר שפּילן....

ווייל נאָך איינמאָל כ'וויל דערפילן
ס'גליק וואָס איז פון אייך פאַרגאַנגען;
זאָל אין טאַנצן און געזאַנגען —
זיך דער צער א ווייל כאָטש שטילן...

קינדער, כ'וויל צום הארצן פּרעסן
אייך — מיט אַלע בלומען, שטערן,
און מיין הארץ אַוועק אייך געבן —
און פאַרגעסן, אַלץ פאַרגעסן,
אייער בלוט, און אײַרע טרערן,
אייער פרי פאַרשניטן לעבן!...

ג.

די טייכעלעך פליסן,
די וועלדעלעך גרינען,
פאַר מיר איז די וועלט נאָר פאַרנעפּלט און וויסט;
אייער בלוט הערט צו גיסן —
ניט אויף און צו רינען,
דאָס קינדישע בלוט איירס פאַרגאָסן אומזיסט...

די פייגעלעך זינגען,
די בלימעלעך בליען,
די פלאַטערלעך פלאַטרן אַרום אין דער לופט, —
די שטראַלן דורכדרינגען
די בליטן און גליען,
און מישן זיך אויס מיט דעם בלומיקן דופט.

די בינעלעך זומען,
די קוועלעכלעך קוועלן,
דער הימל איז לויטער און ליכטיק און בלאָ;
די קינדערלעך שטומען,
די קינדערלעך פעלן,
די קינדערלעך טיירע מער זענען ניטאָ...

וואָס דאַרף איך די שטראַלן,
די קוואַלן, די בינען,
וואָס דאַרף איך די וועלט מיט איר דופטיקן גליק? —
ווו ס'בלוט איירס אין קוואַלן
נאָר גיסט זיך בחנם
און רייסט מיר דאָס האַרץ מיינס אין טויזנטער שטיק!

איך וויל צו אייך קומען —
צופליען, צושוועבן,
אַזויווי צו שטילינקע גראָזן דער ווינט, —
צעבלעטלן מיין לעבן
אַזויווי די בלומען,
פאַרהילן אַ יעדעס דערמאָרדעטע קינד...

ד.

ווען אַ קינד ווערט שלאָף אין וויגל,
ציטערן אויף דער מאַמעס הענט,
אַזוי פיבערדיק צעברענט —
ווי אַ מלאך'ס פייער־פליגל....

מיט איר הארצנס פורפל־זיגל
חתמעט זי — איר ליבע, שרעק;
נעכט פאַרוואַנדלט זי אין טעג,
פינסטער ווערט איר לעבנס־שפיגל....

ווען עס שטאַרבט אַמאָל אין פיינען
אַפּ אַזאַ פאַרטרוימטע בליט,
וואָס געדייפט נאָך האָט זי ניט, —
נעמען מאַמעס אויגן וויינען,
און פון ביטערע געפילן —
קאָן זיך שוין איר הארץ ניט שטילן....

ה.

אַז אַ גאָלדנער קאָפּ מיט לאָקן,
אויף דער מאַמעס אָרעם פאַלט, —
ווי פון בליץ דער פרילינגוואַלד — —
ווערט איר ציטריק הארץ דערשראָקן....

קאָן זי זיך קיין אָרט געפינען,
איבעראַל איז איר ניט גוט;
היינט ווען אָרעם קינדערבלוט —
הערט ניט אויף צו פליסן, רינען:

פון די קעפלעך, אויגן, גלידער,
הערצלעך — טויזנטער אומזיסט, —
מבולט זייער בלוט און ספליסט:
עלנט הילפלאָז טיף מיט ציטער....
אַ, וואָס זאָלן מאַמעס זאָגן, —
וועלכע מוזן דאָס דערטראָגן?!

ו.

דאָס בלוט פון די קינדער ניט אויפהערן זידן
זאָל קאָכן, ווי זכריה הנביא׳ס מיט פיין,
ניט רוען פון אונטער דער ערט מיט געוויין,
און קיינמאָל די וועלט דאָ ניט לאָזן צופרידן....

אַזוי ווי די שוואַכע אומשולדיקע בליטן,
וואָס מ׳האָט זיי באַרויבט פונעם רעגן און ליכט,
ווערן זאָל דייטשלאַנד פאַרוועלקט און פאַרשניטן:
און אויפגיין אין בלוטיקן פלאַם פון געריכט....

עס זאָל ניט און טאָרניט צערינען פאַרשווימען,
פון גרויזאַמען אכזר פאַרגאָסן אומזיסט, —
דאָס הייליקע בלוט פון דער קינדער־נשמה ;
באַשאַפן מוז ווערן אַזאַ מין נקמה — — —
וואָס רייסט אויף די הימלען, ברעכט דורך אַלע צוימען,
ביז ווערן דער דעמאָן פון דרערט וועט פאַרוויסט....

ז.

סוועלן פאַלן איין די מוירן,
ווו מיר ליגן איינגעפּרעסט,
און אַרוים פון טונקלען נעסט —
וועלן שוואַלבן ניי געבוירן....

שווינדן מוז דער נעפּל גרויער,
פון דער גרויסער פרייער וועלט —
ווען עס ווערט די זון צעהעלט,
שטאַרקער ווערט די פרייד פון טרויער....

לעשן וועלן מיר די שרפה
אוים מיט אונדזער בלוט און טרערן ;
שטילן וועט זיך די מגפה,
און אַ פרייע וועלט געהערן —
וועט דעם יינגן, נייעם טרוימער,
מיט אַ ליכטיקן לג בעומר !....

אויסזינגען דאָס אייביקע ליד...

עס פאַלן אַראָפּ שוין די זילבערנע בלימן,
פון פרילינג־צעדופטעטן בוים,
אַזויווי פון ליבע אַ טרוים —
די בליטלעך צעפּערלט ווי שניילעך זיך שיטן....

און טיף אינעם זונענשיין גאָלדן צעגליטן,
ווערט רייף אַ געפיל ווי אַ רויז ;
אויסגיסן פון ליבע דעם כוס,
צעבלעטלען אין ווינט זיך מיט דופט און צעשיטן....

אין זילבערנעם שלייער פון דעמער פארהילן
זיך שטיל און פארגיין ווי א בליט,
אין פורפלנעם זונענגעצאנק....
אויסזיינגען דאס אייביקע ליד —
פון די פארבארגנסטע טיפסטע געפילן,
ווייל יידישע דיכטער, זיי לעבן ניט לאנג....

דער גרעסטער דין תורה!

אוי מאמע וועט שוין פארשטומען,
מיין מארטער, און בענקשאפט צו דיר?
— דאס בין איך איצט קינד מיינס געקומען,
דיך נעמען ארויף דארט צו מיר....

סאיז פינסטער ארום דא, די היטער —
מיך האלטן געבונדן אין פיין,
אוי מאמע, כהאב מורא, איך ציטער,
ארויס פון דער תפיסה צו גיין....

מיין קינד א דיך שרעקן די גרוילן, —
פון אומקום, געוואלט און פון וויי?
עס האט דיר צו קומען באפוילן,
א מאכט וואס איז שטארקער פון זיי....

אוי מאמע דו ועסט זיך דאך שעמען,
מיט אלע די ביילן און שניט, —
ווי קאנסטו ארויף מיך דען נעמען,
אז גאנץ איז ביי מיר ניט קיין גליד?....

וואס קווענסטו זיך קינד דען אין גסיסה,
וואס פלאגסטו אזוי זיך אין נויט?
אוי מאמע, די רוצחים פון תפיסה —
מיך האבן פארפייניקט צום טויט....

ווען כבין פון דער ארבעט געגאנגען,
איך האב א געלויף נאר געזען, —
זינט דאמאלט מען האט מיך געפאנגען....
א קינד מיינס פאר וואס, און פאר ווען?

ווייל כהאָב זיך אריבער געריסן
די מוירן פון געטאָ אויס נויט....
געציטערט, געגאַרט, נאָך אַ ביסן,
געשמאַכט נאָך אַ רעפּטעלע ברויט....

דערפאַר איז דאָס בלוט מיינס געפלאָסן,
און איך האָב אַ ווייטיק דערפילט, —
ווען סהאָבן די רוצחים געשאָסן,
אריין אין מיין הארצן געצילט....

פון ווייטע זכרונות באַוויגן,
פון טיפע יסורים פאַרוועבט, —
פּרוווט עפענען דאָס יינגל די אויגן
דערציילן וואָס סהאָט דורכגעלעבט.

אוי מאַמע ווי סברעכן די גלידער,
און סהאַרץ ווי עס נאָגט פון די שניט....
דער קאָפּ וויל שוין רוען אַ מידער,
דאָס אויג נאָר עס שליסט זיך מיר ניט....

וואָס רעדסטו דען יינגל פון פיבער,
געקוועלט אַזוי שווער פון געוויין?
צי ווייסטו דען זון ניט מיין ליבער,
וואָס סוועט אין דער הייך היינט דאָרט זיין?....

עס איז היינט אַ יום טוב אין הימל,
אַ גרויסער געוואַלטיקער פעסט, —
געלאָדן אהין דאָרט צום רימל,
מען האָט די מכבים אַלס געסט....

עס איז אויך בר כוכבא פאַרבעטן
מיט אַלע געקוועלטע פון נויט,
וואָס היטלער האָט גרויזאַם צעטרעטן,
אין תפיסות פאַרפייניקט צום טויט.

עס וועלן אויך דאָרטן ניט פעלן
די גרעסטע מערטירער פון פיין, —
פון געטאָ די יידישע העלדן
זיי וועלן די ערן־געסט זיין....

דאָרט וועלן די אבות אויך זיצן
מיט אַלע נביאים צעזאַם, —
ביים גאָלדענעם שלחן, סוועט בליצן
דער כסא הכבוד פון פלאַם.

דאָס בלוט פון מיליאָנען די טרערן,
פון אַלע אומזיסטע געקוועלט, —
פאַרלאַנגען געמשפט זאָל ווערן
דער תליון דער גרעסטער פון וועלט!

און גאָט דער אל נוקם וועט טרעטן
זיין שווערט אויס אין פייער פון דין;
און צווישן די אַלע פאַרבעטן
מען האָט אויך מיין קינד דיך אהין....

ווי זאָל איך דיך פאָלגן מען פלאָגט מיך,
מען האַלט מיך געבונדן אין שטריק? —
אָ, מאַמע, כוויל לויפן מען שלאָגט מיך,
די רוצחים מיך שלעפן צוריק!

צערייסן אפילו זיי זאָלן
דיך קינד מיינס, וועסט אייביק דו זיין, —
און זיי וועט מען כפל באַצאָלן
פאַר אַלע עינויים און פיין.

אזוי איז דער ווילן פון בורא,
און אַלץ וואָס ער וויל מוז געשען, —
סוועט זיין דאָרט דער גרעסטער דין תורה
וואָס סאיז אויף דער וועלט ווען געווען....

חנוכה ליכטלעך וועלן ברענען!...

אין דער שטוב נאָר מרה שחורה,
מאַמע עלנט ליגט פאַרלאָזט, —
אויפן פענסטער אַ מנורה
אויסגעמאָלן האָט דער פראָסט.

און אפילו קליינע קנייטלעך
לייכטן זיך ארוים מיט חן,
פון די זילבער בלומען־קוויטלעך
שעמערירנדיק און ריין.

נאָר אין שטוב ניטאָ קיין ביסן,
שוין פון לאַנג דאָרט הערשט די נויט, —
מאַמעס קלייד און שיך צעריסן,
טאַטע ווו פאַרשלעפּט צום טויט....

מאַמע, — אַ פאַרוואָס דען ציטער
איך אַזוי פאַר קעלט, ווער בלאָ?
און די מאַמע ענטפערט ביטער:
ווייל קיין קוילן איז ניטאָ....

ווער וועט היינט דען ליכטלעך צינדן,
ווייטער פרעגט דאָס קינד מיט וויי....
מאַמע ענטפערט שטיל מיט ווינדן:
אויפן פענסטער ברענען זיי....

ניט אַזעלכע ליכטלעך מיין איך,
נאָר דעם טאַטנס גאָלדן, בלוי....
קינד, מיין לעבן, תמיד וויין איך
ווען דו רעדסט צו מיר אַזוי....

אַ וואָס פייניקסטו דיין מאַמען,
מיט אַזעלכע האַרטע רייד?
עכטע ליכטלעך ברענען, פלאַמען,
אין מיין האַרצן פול מיט לייד....

מיינע טרערן, מרה שחורה,
און מיין שפלות, צער און וויי;
אין דער בלוטיקער מנורה
פונעם האַרצן ברענען זיי....

ווייל מיין יאוש מיט די וווּנדן,
און די אָנמאַכט מיט דער נויט,
חנוכה-ליכטלעך אָנגעצונדן
האָבן אין מיין האַרצן רויט....

און זיי וועלן ניט אויפהערן
ברענען, פלאַקערן און גלי׳ן, —
מיט מיליאָנען מאַמעס טרערן
ביז צום גרויסן יום הדין — —

ווען מיט אמת גאָט וועט ריכטן,
הייבן אויף זיין פייער שווערט,
יענעם תליון צו פאַרניכטן,
אָ, דעם גרעסטן פון דער ערט!

דאַמאָלט מעוז צור ערשט קענען
וועט מען זינגען אויף פאַר גליק, —
חנוכה־ליכטלעך וועלן ברענען
אויף דער גאַנצער וועלט צום זיג....

אין אונדז וועלן אייביק זיי לעבן...

א.

פון גלידער און פלייש און פון קנאָכן,
זיי האָבן א פעסטונג געבויט,
א קייגן געשטעלט זיך דעם טויט —
מיט אייביקן מוט אומגעבראָכן....

פון חושך זיי זענען געצויגן
אין שטראַליקער העלקייט אַריין, —
געקלעטערט אַריבער דער פיין
און אומקום מיט ליכטיקע אויגן.

זיי האָבן דאָס העכסטע געגעבן,
באַוויזן וואָס זיין עס הייסט פריי,
אין אונדז וועלן אייביק זיי לעבן; —
געלעבט ווי מיר האָבן אין זיי.
פון הויכע אומענדלעכע ספערן —
באַלייכטן אונדז אייביק ווי שטערן....

ב.

זיי זענען ניט איינפאַך פון תפיסות
געגאַנגען אויף תליות פאַרגרויט,
עס האָבן געהייליקט דעם טויט —
מערטירער מיט העלדישע מיתות.

ווי לאַנג אונדזער בלוט טוט שוין פליסן,
וואָס סאיז אַלץ מיט אונדז ניט געשען, —
עס האָט נאָך די וועלט ניט געזען
אַזעלכע פאַרלאָזענע ריזן....

כורעים כפאַל הייליק אַנידער
פאַר זייער פאַרגאָסענעם בלוט,
און שריי אוים מיט טרערן פאַרביטערט:
געהייליקט זאָל בלייבן אייער מוט!
און ווערן דאָס האַרץ זאָל פאַרציטערט
פאַר יעדן פאַרלוירענעם ברידער....

ג.

זיי זענען געקומען ווי בליצן
מיט שטאָלץ דורכן חושך און דרייסט, —
די אייביקע פעסטונג פון גייסט
מיט מענטשלעכן פלייש צובאַשיצן....

פון בלוט און פון פלאַם ניט אַנטרונען,
זיי האָבן באַקעמפט די געוואַלט, —
די טוירן פון געטאָ צעפּראַלט
דעם חושך מיט שטורעם גענומען....

צעגליט פון אַ הייליק פאַרלאַנגען
וואָס קיינמאָל עס ווערט ניט דערגרייכט,
און יעדן פון עלנט דערהייכט;
זיי זענען ווי זונשיין פאַרגאַנגען
וואָס האַלט זיך אין אייביקן וועבן —
געשטאָרבן, אויף ווייטער צו לעבן....

גרויסער גאָט פון מיינע אבות!

אין מינוטן הייליק שטילע,
לעב איך דורך פון אַלע תפיסות, —
נאָכאַמאָל די ארבע מיתות:
הרג, חנק, שרפה, סקילה....

און מיין לעבן ווי צו נעילה
פורפלט אויף אין הימלס תכלת,
און פאַרהילט זיך אין אבלות,
שעפּטשענדיק מיין לעצטע תפילה:

גרויסער גאָט פון מיינע אבות,
הייליק דורך די צען געבאָטן,
דיין מאווימדיקער איך; —
האָט ניט איינמאָל שוין פאַראָטן
פונעם טיפן אש להבות
אַ רחמנות דיך און מיך....

איך גיי מיט דיר צוזאם...

דאָרטן אין די טויט־פאַבריקן,
האָט דיין שאָטן מיך דערקענט,
כהאָב דערפילט ווי דיינע הענט
האָבן מיך געוואָלט דערשטיקן....

כהאָב געזוכט פאַר דיר א תיקון
ניט געקאָנט פון מיר אוועק, —
איינגעצאַקט זיך אין דער זעג
האָט מיין האַרץ פון דיינע בליקן....

פון דיין פיין אַרומגענומען,
בין איך שטיין געבליבן שטום.
גלייך ווי דו ביסט אומגעקומען, —
קום איך אָן אן אויפהער אום,
און איך גיי מיט דיר צוזאַם —
אויף אין פייער פון מיין שטאַם....

ווי א חלום אויפן וואר...

ווען איך בין מיט דיר צוזאַמען
אין דיין צימערל געווען,
האָסטו אַזוי אויסגעזען —
ווי די זון וואָס צאַנקט אין פלאַמען....

אין די גאָלדענע טומאַנען
ווי א חלום אויפן וואָר, —
מיט די שווארץ צעלאָזטע האָר,
ביסטו מיט געבעט געשטאַנען.

כהאָב געקושט די כשוף זוימען
פון דיין זיידן רויטן קלייד,
און געהאָט אַזאַ געפיל, —
וואָס מען האָט נאָר אינעם טרוימען
ווען דאָס העכסטע גליק פאַרגייט ;
און עס ווילט זיך וויינען שטיל....

צי אַן איינציקער נאָך לעבט ?

אָ, ווו איז אַצינד מיין היים,
און מיין דורותדיקער שטאַם ? —
אויפגעגאַנגען מיטן פלאַם,
ווי מיין הייזעלע פון ליים.

אָ דאָס שטעטעלע, די גאַס,
ווו מיין יוגנט כהאָב פאַרבראַכט, —
ווי אַ פייגעלע אין נאַכט
אַ פאַרציקטע ליגט פון האַס.

אַלע מיינע נאָנטסטע פריינט
וואָס איך האָב מיט זיי געוועבט
יענעם פרייען טרוים פון גליק ;
ווייס איך ניט פון אַלע, היינט —
צי אַן איינציקער נאָך לעבט ?
ער זאָל קומען צו מיר צ׳ריק....

וואָס ביסטו געוואָרן ?

וואָס ביסטו געוואָרן מיין האַרציקעס קינד ?
אַביסעלע אַש נאָר צעטראָגן פון ווינט....
אין שיין פון לבנה, אין שטערנדיקן ליכט, —
איך זע נאָך דיין צאַרטעס און בלאַסעס געזיכט.

קיין זון און לבנה קיין שטערן צעשיינט, —
געוועזן איז אַזוי ווי דיין פנים באַחנט.
איך האָב זיך געשפיגלט פאַרליבט אין דיין בליק,
ווייל דו ביסט געוועזן דער טרוים פון מיין גליק.

דיין דופטיקער אָטעם, דיין בלומענבאַריר, —
איך פיל נאָך מיט זעלטזאַמען ציטער אין מיר....
איך הער נאָך אפילו דיין קול ווי מיך רופט :
געליבטער, — און קושט מיך מיט כוואַלעס פון דופט....

ווען סרוישן זיך טרויריק די בוימער פונאַנד,
איך דריק נאָך צום האַרץ דיך, און האַלט דיר דיין האַנט.
וואָס ביסטו געוואָרן מיין דופטיקע רויז ?
אַביסעלע אַש נאָר אין שטורעם געברויז....

8

ווייל איך בין א פלאמענפונק...

ס'האָט דער פאָטער פון מיין שטאַם
דער ערשטער דיך דערקענט, —
ווי שטאַרק דו האָסט געברענט,
אינעם דאָרנבוש פון פלאַם...

גאָט, מיך בינדט מיט דיר צוזאַם
פון אייביק אָן דאָס ליכט, —
און ס'קעמט מיך אומגעריכט,
יעדן דור דיין פייער־קאַם...

ניט דער בייזער שטורם־געברויז,
ניט דעם מבולס ווילדער צונג,
דער צעכוואַליעט פרייער, —
קאָן אונדז ביידע לעשן אויס,
ווייל איך בין א פלאַמענפונק —
פון דיין אייביק פייער...

איך קאָן דיך נאָר דערפילן...

כ'בין ווי יונה אָפט אַנטלאָפן,
ראַטוועון זיך פאַר דיר געוואַלט,
נאָר דו האָסט מיר באַלד באַצאָלט —
מיט די ביטער האַרטסטע שטראָפן...

איבעראַל נאָר ווו געטראָפן
אויפן וועג דו האָסט מיך קראַנק, —
איינגעוויילט ווי א שלאַנג....
האָסטו מיך געהייסן האָפן...

אָ מיין גאָט איך קאָן דערפילן
אייביק דיך — נאָר ניט פאַרשטיין,
גלייך ווי כ'קאָן דיין ליכטגעשטאַלט —
ניט דערזען פאַר מיר וואָס שטראַלט...
כ'בין נאָר דאָ ניט איינצושטילן
ס'האַרץ מיינס ביז צום אונטערגיין...

פון תפיסה

פון תפיסה

א.

דרויסן שפּילט די פרייקייט, בוימער בליען,
נאָר ביי מיר אין צעל פאַרגליווערט ווערט א יעדער קלאַנג, —
ווי די טריט צעוואַקלט פון מיין האָפנונגסלאָזן גאַנג,
און צעציטערט פון די פיבער־קניען.

פון די תפיסה־קראַטעס ווי דערשאָסן
פאַלט מיין אויג אַרונטער שטום, א פויגל פון דער הייך;
מיינע טעג און נעכט נאָר האַרבסטיק ווי א טריבער טייך —
ווערן טיף מיט מיר צעזאַמגעגאָסן....

שטום די תפיסה־טיר, פאַרמאַכט דער ריגל,
נאָר צומאָל אין שלאָס דער שומר טוט א בלינדן שליס,
גיט דאָס האַרץ אין ברוסט א ווילדן צאַפּל זיך א ריס, —
אויף צו ליכט און פרייקייט וואָס דרויסן שפּילט אין בלי'ן,
ביז ספּאַלט צוריק פאַרהלש'ט אין אָרעם פון דער שפּין —
ווי אין טויטנ־נעץ אַן עלנט פליגל....

ב.

דאָרט צווישן די נאַקעטע ווענט
פון מיין פאַריגלטן צעל,
געהיים ערשט דעם ווי פון מיין זעל
און עלנט פון איך כהאָב דערקענט....

א מאַן איז אין שוואַרצן מונדיר
געשטאַנען באַשטיוולט צעבעסט,
געהיטן מיין טאָג וואָס פאַרבלאַסט —
ער האָט מיט א ביקס פאַר דער טיר.

דערפילט ערשט ווי טיף כבין אַליין
געווען מיט מיין אומגליק פאַרקניפּט
איך האָב אין דער שעה פון געפאַר; —
צעפיבערט פון אומקום און צער
איך האָב נאָר די פרייקייט געליבט,
וואָס איז ניט געווען שוין מער מיין....

ג.

געשטאַנען פאַרמאַכט נאָך אַ ברעט אין מיין צעל
עס איז אין דער תפיסה ביים וואַנט, —
וואָס האָט אָן אַ מענטש מיך דערמאָנט,
בעת נאָך אַ וואָרט סאיז פאַרגאַנגען מיין זעל....

אין מיטן דער בלינדקייט און חשכות פון נאַכט,
אין טיפן חצות אויף דעם ברעט, —
פאַרנומען מיט פיין האָט דאָס בעט,
אַ מענטש וואָס מען האָט אין דער תפיסה געבראַכט....

געריסן אַהין האָט מיין זעל זיך צום אָרט
אַ ווו סאיז אין פיבער און גרויל,
געלעגן אַזויווי אַ קנויל —
אַ בינטל פון קנאָכן — פאַרשפינען,
פאַרשוויגן, פאַרפלאָנטערט אין זינען,
בעת סאיז פאַרגאַנגען מיין האַרץ נאָך אַ וואָרט....

ד.

ער קוקט אויף מיר, און איך אויף אים,
מיט ווייטיק און איך לעכץ,
ביז סשניידט אַדורך זיין באַנגע שטים —
די שטילקייט מיט אַ קרעכץ.

איך פרעג אים — זאָג מיר וואָס דיר פעלט,
אַ מענטש וואָס טוסטו דאָ ?!
ספאַרבייסט אַ וואָרט מיט בלוט געקווועלט
זיין ליפ און ציטערט בלאָ....

ווען סטוט אַן ערשטער שטראַל אַ גלי
אַדורך די קראַטעס קרום,
איך הער ווי סתפיסה-שלאָס זיך רירט ; —
אוועק מען פירט אים ערגיץ ווי —
אַ שאָף, וואָס נאָנט זיין סוף דערשפירט,
אויף וועגן טונקלע קרום....

ה.

פיר מאָל אין דער שעה, האָט מיך געוועקט דער פיבערדיקער [ציטער
אין דער לופטן, פונעם תפיסה-זייגערס שווערן קלאַנג!
און צעפייניקטער געמאַכט מיין האָפנונגסלאָזן גאַנג,
שלאָגנדיק מיין אומרו ווי מיט אָנגעגליטע שטאָלנע ריטער....

ווען עס איז אַרום מיר פינסטערער פאַרגליווערט שטיל געוואָרן,
האָבן איבערבראָכן זיך פון ווייטיק מיינע טריט,
פון מינוטן בלייאיק שווערע — ווי פון ערט פאַרשיט,
כהאָב דערפילט זיך אין מיין תפיסה־צעל ווי אין אַ טויטן־ארון.

ביז עס האָבן שוידערדיק אויפסניי מיט יאָמער זיך צעהאָגלט —
בייזע קלאַנגען פון אַן אייביק גרויער שעה צעצויגן,
און מיין זינען מיר פאַרנעפּלטער געמאַכט מיט יעדן שלאָג;—
ווי זיי וואָלטן אויף אַ צלם מיך אַרויפגעצויגן,
עלנדיק צו אים מיין גוף מיט נעגל שפּיציק צוגענאָגלט,
אַט אַזוי געפּייניקט, האָט דער זייגער מיך ביינאַכט און טאָג...

ו.

אָפּט געטראָגן דאָרט אַ זשומען,
האָט זיך אַזוי מיד פון קוואַל,
ווער דעם תהלים ספּלעגט צו ברומען,
ווער דעם „אינטערנאַציאָנאַל"....

אינעם חלל האָט פּאַרציטערט
סזשומען זיך צענויפגעוועבט, —
און געטראָגן זיך פאַרביטערט
צו דעם הימל הויך געשוועבט.

ביז געבליבן מאַכטלאָז ליגן
זענען גופים צוויי געפאַלן —
עלנט הילפלאָז אויף דער ערט, —
דאָך ניט קיינמאָל אויפגעהערט
זייער גלויבן האָט צו שטראַלן,
און צו זשומען זייער ניגון....

ז.

אַזוי ווי אין קבר אַ מת,
איך בין אָפּט אין תפיסה געווען, —
געטראַכט אַז פון הימל אַ נס
עס קאָן נאָר מיט מיר נאָך געשען....

און טראַכטנדיק האָט מיך געגרוילט
ווי סהענגט פון מיין לייב מיר די הויט,
איך האָב אינעם זומפּ און אין קויט
אַזויווי אַ שמאַטע געפוילט.

דעם טאָג וואָס אדורך כהאָב געלעבט
האָט טרויריק מיין לעבן פאַרצערט....
פאַרהונגערט, דערנידריק, געשמיסן, —
איך האָב נאָר אָן אויפהער געהערט....
ביינאַכט דאָס פאַרצאָרנטע שליסן
פון נאָנטע וואָס מהאָט זיי פאַרשלעפּט

ח.

כבין עלנט געבונדן מען שלאָגט מיך,
כוויל שרייען מען האלט מיר דאָס מויל,
מיט ווערטער ווי עגבערס מען פּלאָגט מיך
כוועך בלוי און ווער שווארץ ווי א קויל....

מען טרייבט מיט מיר ביטרע קאַטאָוועס,
פון ווייטיק מיך ברעכן די קני,
און הילפלאָז איך ציטער און גלי —
אַזוי אמאָל מיינע אבות....

און ביטערט אין מיר אויף א צאָרן,
וואָס וויל נאָך ניט זען מיך פאַרלאָרן...
מיין אויג ווערט פאַרלאָפן מיט בלוט,
כפאל עלנט פאַרחלשט אַנידער, —
וועקט אויף מיך פון מערדער די קנוט —
נאָר לאנגזאם מיר טויטן די גלידער....

ט.

שווער דאָס הארץ, און די געדאַנקען
ווי אַן אָפּגעבראָכנע בריק, —
הין און צ׳ריק, אַהין און צ׳ריק,
אויף די מידע פיס וואָס שוואַנקען....

די געפאנגענע זיך דרייען
אַן אָן אויפהער שעהן לאַנג,
גלייך ווי סוואָלט דער מידער גאַנג
זיי געקאָנט פון וויי באַפרייען....

ביז זיי זינקען טרויריק מאַטע,
פאַר די גרויע תפיסה־קראַטעס
מיט א האָפנונגלאָזן בליק;
אָט אַזוי די טעג פאַרגייען,
די געפאַנגענע זיך דרייען —
אַן א זין אַהין און צ׳ריק....

י.

גלייך ווי ביי אַ הילפלאָז לעמל
ווען סדערפילט די שאַרף פון מעסער, —
איז געוואָרן, שמערצפול גרעסער
אין זיין אויג דאָס בלויע פלעמל....

אויפגעמאַכט זיין שווער פאַרלאַנגען
שטיל פאַר מיר האָט און באַשיידן, —
חבר מענטש פון טיפע ליידן
אין איין צעל מיט מיר געפאַנגען.

סהאַרטע ברעט האָט אונדז פאַרבונדן,
אויף אַ וועלכן מיר מיט ציטער,
אינעם חושך אָנגעצונדן, —
זענען וואַך די נעכט פון וווּנדן
שטום געלעגן אינעם פיבער,
צוגעדעקט מיט שווערע שטונדן....

יא.

אַ לודוויג לודוויג!

כהאָב געקוקט אין דיינע מעלאַנכאָליש, טרויריק שוואַרצע אויגן,
וואָס פון זיי האָט ביטערקייט ווי פון אַ קוואַל אַרויסגעפליסט;
און בעת איך האָב זיך מיט דיין לעבנס־סם דאָ אָנגעזויגן,
האָט דיין בליק געשלייפט פון פיין, מיך ווי אַ בליץ
[אַדורכגעשפּיזט.
מיר דערציילט — ווי איינזאַם דו פון גאָט און מענטש פאַרלאָזן
[ביזט.

כ'האָב געזען, מיט דיין געבראָכנעם קני דיך הילפלאָז וואַקלען
[הינקען,
פירן אויס פאַרפיינט דעם נאַציש בייז געצווונגענעם באַפעל,
אינעם רעגן, נעפל, ווי אַ הונט אין בלאָטעס טיף פאַרזונקען,
מיט דעם גרעסטן צער און ווידערווילן, פון דיין פרייער זעל.
ווען ווי לעדער סהאָט געטרוקענט דיר פון היץ דיין צונג אין קעל.

אַ לודוויג לודוויג!

אַפּטמאָל נאָך פאַרצווייפלט כהער דיין קול צעבראָכן ווי
[אַ שאַרבן,
שוידערן אַרויס פון תפיסה־צעל פאַרמאַטערט, שווער מיט וויי,—
תמיד איך פאַר דייטשלאַנד — בין געוועזן באַרייט מיט שטאָלץ
[צו שטאַרבן,
און יאָרן לאַנג געבלוטיקט כהאָב זייט ביי זייט, אין קריג מיט זיי
אויף לעבן, טויט פאַרבונדן, פּראַברידערט און פאַראיינט געטריי.

כפּיל נאָך אָפט די שטיוול וואָס געקאָפּעט האָבן אונז געטרעטן;
זע דיין שטאָלצן מוט וואָס האָט זיך ניט געבויגן פאַר אַ וויילע;
וואָס ווילט איר דען—אַ קריפּל זאָל אייך הילפלאָז רחמים בעטן?
ניין! — און דו האָסט צ׳ריקגעשליידערט זיי „די טאַפּפערקייטס
[מעדייל“...
סהאָט דיין האַרץ דערפילט זיך פון די רוצחים ווייט אויף
[טויזנט מייל.

אַ לודוויג לודוויג!

כזעה די ציינער אין די ליפּן דיך פאַרבייסן, טיף פאַרקלעמען,
כאַפּן זיך מיט לעצטער קראַפט ווי שמשון פאַר די תפיסה־
[ווענט, —
כהאָב געהונגערט אָפט און ניט געוואָלט קיין לוין פון
[דייטשלאַנד נעמען,
אָבגעזאָגט מיין אונטערשטיצונג זיי — „די אינוואַלידנרענט“
און געאַרבעט שווער און ביטער אויף אַ יעדן סענט.

גלייך ווי אַ פאַרברעכער האָט מען גרויזאַם דיך מיט האַס
[געפאַנגען,
צוגענומען אַלץ וואָס האָסט ערוואָרבן דיר דורך לאַנגער מי,
פאַר דער איינציקער עבירה וואָס דו ביסט אַמאָל באַגאַנגען —
ייד! וואָס האָסט פאַר דייטשלאַנד זיך אין קריג געלאָזט
[צעשיסן סקני;
האָט מען דיך אַרויסגעריסן נאָך אין שלאָף פון בעט גאַנץ פרי.

אָ לודוויג לודוויג!

ווען כּבאַטראַכט ווי סהאָבן רוצחים דיך צעביילט מיט פרייד
[געהאַלטן,
און אַראָפּגעריסן דיר מיט שפּאָט דיין אָרימעס געוואַנט, —
כשוידער אויף, ווי סהאָבן מענטשן דיך אַנטמענטשט מיט לוסט
[געוואַלטן,
אָ, ווי סהאָבן מענער מיטן האַקנקרייץ דיך ווילד אַנטמאַנט...
ווי אַ טייך פאַרגליווערט שטיין עס בלייבט מיר מיין פאַרשטאַנד.

דיינע מוסקלען פון די הענט פאַרקראַמפט ווי שטאָל געשמידטע
[קנוילן
האָבן זיך דיר אויפגעבאַלט, און סהאָט זיך דיר אַרויסגעשפּאַרט
אַ שוים פון מויל. פאַרגאָסן ט׳זיך דיין אויג מיט בלוט און גרוילן,
און געדעוועט ווי אַ חיה האָסטו עלנדיק פאַרצערט,
און אויף איינמאָל מיט געוויין צעלאַכט זיך אומדערוואַרט.

אָ לודוויג לודוויג!

כהאָב דערהערט דיין קול צום לעצטן מאָל אויפברויזן ווילד
[מיט צאָרן,
וואָס עס האָט מיר ווי אַ פייל געטון פאַרסמט אין האַרץ אַ ברי,
גיט מיט צריק מיין יוגנט, פאַר די בלוטיק און פאַרהעצטע יאָרן,
אָ, גיט מיר צ׳ריק מיין גאַנצן פּוס, פאַר מיין צעשאָסנעם קני!
ביז סהאָט זיך דיר אַ גאָס געטון פון מויל אַ שטראָם מיט גלי.

צי האָב איך דען ניט פריי פאַר דייטשלאַנד זיך אין קריג
[געמאָלדן,
און געפוילט אין גרוב ביים לעבן ווי אַ שרץ אינעם קויט?!
וואָס ווילט איר דען פון מיר, איר טרויעריק באַרימטע יאָלדן —
באַוואָפנטע פון קאָפּ ביז פוס, מיט ביקס, און שווערט און שרויט.
נעמט אייך, ציט פון מיר אַראָפּ דאָס לעצטע פיצל גאַנצע הויט!

אָ לודוויג לודוויג!

כהאָב געזען ווי דו האָסט דיינע האָר דיר פונעם קאָפּ געריסן,
און געבליבן ווי אַ זייל פאַרגליווערט ביזטו פלוצים שטיין,
סהאָבן דיך די מערדער אַזוי בלוטיק לאַנג, און האַרט געשמיסן,
ביז עס האָט זיך ווי אַ טרוקן פאַס צעשאָטן דיין געביין.
איך האָב שווייגנדיק געטרונקען אוים איין כוס מיט דיר דעם פּיין.

ווען מען האָט אין מתים־שטיבל דיך האַלב בלוי אַריינגעטראָגן,
האָט דיין מויל פאַרקניפּט אַ ביטער שנירל, טרוקן, טונקל־רויט,
ביז דיר פון דיין שטערן האָט אַ קאַלטער שוויים אַרויסגעשלאָגן,
און מיט דיינע היץ פאַרברענטע ליפּן טזיך געשפּילט דער טויט;
האָט נאָך ביז צום לעצטן אָטעם אין דיין האַרץ דער האַס געגרויט.

אָ לודוויג לודוויג!

כוועל דיין בליק אַזוי געהיים אויף מיר שוין קיינמאָל ניט
[פאַרגעסן,
וואָס ער האָט אין אַלעם זיך פון תפיסה טיף אַריינגעפּיילט, —
צוגערויבט ביי יעדעמען דעם שלאָף, די לוסט צום אָרמען עסן,
און די טיפסטע פּיין דאָרט פון דיין לעבן, שווייגנדיק דערציילט.
ערגעץ זיך געזעגנדיק, אַריין אין אייביקייט געאיילט....

צו דיין קבר נאָר פאַראייניזאַמט מאַרגאָט הילפלאָז איז געקומען,
ווען אַראָפּגעלאָזט פאַרזיגלט מהאָט דיין ארון אין דער ערט;
זענען איר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט פאָר צער די בלומען,
און סהאָט זיך נאָר איר מיידליש דינער שלוכצן, ציטערדיק
[דערהערט —
(ווי דער אָסיען־ווינט פון רעגן, נעפּל, וואָס פאַרשלונגען ווערט).

אָ לודוויג לודוויג!

נוידעגער תפיסה, מינכען, 1937.

ליבע און לעבן...

##ביידע זענען מיר פארפלאכטן...

וואָס דו וואָלטסט אָן מיר געווען,
איז אַ פֿייערדיקע שריפֿט, —
נאָר אַליין אין זיך פֿאַרטיפֿט,
ניט פֿון קיינעם דורכצולעזן...

וואָס איך וואָלט אָן דיר געוואָרן,
בלייבט פֿאַר מיר ניט אויפֿגעקלערט,
זיכער אַזוי טיף פֿאַרצערט —
ווי אַ מדבּרדיקער דאָרן...

ביידע זענען מיר פֿאַרפֿלאָכטן,
מיט בּראשית שטאַרקע שטריק,
הייליק, פֿלאַמיק, אָן אַ רו, —
כּבין פֿון דיר אַדורכגעלאָכטן,
און דו ביסט פֿון מיר שטיק,
דו ביסט איך, און איך בין דו...

מיין חלום...

צו דעם שקיעה׳דיקן שייטער,
שטיי איך אומעטיק געווענדט, —
און איך זע אין גאָלד ווי ס׳ברענט
אויס מיין חלום זיך דער ווייטער...

וואָס געווען איז מיין באַגלייטער
דורך די לאַנגע נעכט פֿון שרעק; —
ווען געווען ס׳איז יעדער וועג
מיר אַ וואַקלדיקע לייטער...

אָ, דו זוניק פֿרייער רייטער,
וואָס דו ביסט מיט מיר געריטן —
איבער בּערג און איבער טאָל;
ווען אַמטיפֿסטן כ׳האָב געליטן —
גאָט געזוכט נאָר אַלעמאָל,
שטאַרבסט אַצינדערט אויפֿן שייטער....

שמעטערלינגן...

שמעטערלינגן, וועמענס זינגן,
וועמענס חלום, יוגנט, לעבן, —
טראָגט איר אינעם צאַרטן שוועבן,
שמעטערלינגן, שמעטערלינגן ?!

וועמענס גלויבן, וועמענס ציטער,
מיט פאַרכשופט בונטע פאַרבן, —
וואָס פאַרצייט געמוזט האָט שטאַרבן,
טראָגט איר אינעם זילבער פליטער?...

וועמענס ליבע אויסגעזונגן;
רויש פון גאָלדענעם באַגינען, —
וואָס האָט ס׳לעבן ערשט געווינען; —
וועמענס בלויקייט אין די אויגן,
פון די בלומען אויסגעזויגן,
טראָגט איר ציטריק, שמעטערלינגן ?!...

יעדן פרילינג...

רייד וואָס וויגן זיך אין ווינט
פון פאַרליבטע הין און צ׳ריק, —
זענען ציטריק ווי אַ קינד
אין דער מאַמעס גאָלדנעם וויג....

וועפּן אוים ווי פיינער דופט,
פון אַ רויז וואָס בלעטערט, שליסט, —
אויף איר האַרץ פאַר זון און לופט,
און עס שטיל אַריין דאָרט גיסט...

יעדן פרילינג, האַרציק באַנג,
ווי אַ ליד וואָס וועקט פון טרוים
אויף צו ליבע און צו לוסט, —
ציטרען ווידער מיט געזאַנג
אויף מיט דופט אין זילבער רוים
רייד פון ליבע אומבאַוווסט...

אין דער צייט פון מערדערייען...

נאָך אזויפיל צער און ווייען,
מעשים בלוטיקע און טריבע, —
נאָך ניט אויפגעהערט די ליבע
האָט אין האַרץ מיר צוגעדרייען...

אין דער צייט פון מערדערייען
ווען עס פלעגט מיין בליק דערגרייכן, —
נאָר אַ מאָרגנשיין אַ בלייכן,
אַ, ווי פלעג איך דאַן זיך פרייען...

ווען די נעפלען פלעגן גרויען;
צווייפל מיך ניט אויסצומיידן...
אייביק איז ביי מיר פאַרבליבן, —
ליבע נאָך פאַר איידלע פרויען,
און פאַר אַלע די וואָס ליידן
אין מיין האַרצן אויף צו ליבן...

אליין נאר פאר איינצעלנע פריינט...

משה יעקב קליפערן

וואָס זענען דען לירישע לידער,
געדיכטעט מיט זעלישן ציטער, —
מער ווי פון בליטן דער פליטער,
פאַר פרילינג־פאַרליבטע געמיטער?

אַ פריינט ווי אָפט גליען די גלידער
ניט מיר נאָר אַליין פון געזאַנגען, —
נאָר אויך פון די העכסטע פאַרלאַנגען,
וואָס פאַלן ווי שטויב דאַן אַנידער...

צי זינגט מען זיי דען ניט די לידער,
ווען ס׳האַרץ ווערט אומענדלעך צעפיינט,
אַליין נאָר פאַר איינצעלנע פריינט? —
פאַר פריינט וואָס באַנעמען זיי ווידער,
מיט זייער פאַרפיינטן געמיט,
און ענטפערן צ׳ריק מיט אַ ליד...

נאכט

נאכט. מיר זענען שטיל צעזאַמען
טיף אין גאָרטן אויף אַ באַנק, —
אויפגעגאַנגען פון פאַרלאַנג,
זיך צענויפגעוועבט ווי פלאַמען.

און די הערצער ניט צום צאַמען,
האָבן פון דער ליבע ווילד —
אויפגעכוואַלעט אומגעשטילט
הויך צום הימל ווי די ימים...

ביז געוואָרן זענען גלייביק,
פון אַ שטערן אויפגעהעלט,
ווייט פון יעדן וואָלקן טריבן,
די וואָס ליבן, לעבן אייביק —
די וואָס אייביק לעבן, ליבן —
ריין און ליכטיק אויף דער וועלט...

איך האָב דיך געוויגט...

איך האָב מיט באַגערן
געקושט דיך געדריקט, —
צום האַרץ ווי אַ שטערן,
און האָב דיך געוויגט.

געוויגט שטיל מיט ציטער
גאָר צאַרט אויף מיין שויס,
ווייל דו ביסט ווי פליטער
געוועזן פון אַ רויז...

איך האָב — ניט דערלויבן
געוואָלט, ס'זאָל אַ הויב, —
דער ווינט טאָן, צעשטויבן
דיך זילבריק אויף שטויב...

איך האָב דיך געהאַלטן
ווי ס'זוניקע ליכט,
זאָלסט קושן די פאַלטן
מיר אוים פון געזיכט...

און דו מיין באַגערן
דערפילט האָסטו באַלד, —
געקושט פון מיין שטערן
אַראָפּ יעדע פאַלט...

די האָר מיינע גרויע
געצופט מיר פאַרטרויט.
די ליפּן די בלויע
געקושט מיר ביז רויט.

איך האָב מיט געזאַנג דיך
געקושט ווי אַ רויז, —
באַהאַרציקט און באַנג דיך
געוויגט אויף מיין שויס...

שפּיל אויף דיינע ליבעסלירן...

שפּיל אויף דיינע ליבעסלירן
נאָכאַמאָל דאָס יוגנט־ליד, —
ווען דו ביסט געווען צעבליט
ווי אַ דופטיק בינטל מירן...

און דו האָסט געקאָנט מיך פירן
ווו דו האָסט אַליין געוואָלט —
צו די אוצרות פונעם גאָלד,
אין דיין בלויען אויגס קאָלירן...

ווידער כ׳וויל דיין קאָפּ באַצירן
דיר מיט רויזן, זונענשיין;
זינגען אויס מיין האַרצגעזאַנג —
אַ, ווי ס׳ווילט זיך יינג נאָך זיין!
שפּיל אויף דיינע ליבעסלירן,
ווייל עס איז מיר האַרבסטיק באַנג....

מיינע טעג

מיינע טעג ווי פרילינגבלומען
מיט די צערטלעכסטע קאָלירן, —
קלינגנדיקע ווי די לירן,
האָבן אויסגעדופט ווי בלומען...

מיינע טעג ווי נאַכטיגאַלן,
האָבן ווייט זיך אויסגעזונגען,
צווישן קווייטן טיף פאַרקלונגען,
און ווי שטערן שטיל געפאַלן...

מיינע טעג ווי מיידלעך בלייכע
האָבן טרויעריק מיך אומאַרעמט,
טיף אין מיר דאָס בלוט צעוואַרעמט —
מיט די קושן זיידן ווייכע.
אַז איך האָב גענומען שוועבן,
איז געזאַנג פאַרטרוימט מיין לעבן...

אַלעס נאָר וואָס איך פאַרמאָג...

אוי ווי טיף און ווייט פאַרגאַנגען,
זענעןביידע מיר שוין שטיל, —
דאַכט זיך נאָר אַ קינדערשפּיל,
איז געוועזן מיין פאַרלאַנגען...

וואָס איך האָב געוואָלט דיך פאַנגען
ווי אַ שמעטערלינג אַ רויז, —
רוען זיך ביי דיר נאָר אויס,
דאַן פאַרשוועבן מיט געזאַנגען...

און אַזוי שוין בין פאַרבליבן
איך ביי דיר, ביז היינט צוטאָג —
מיך פאַרעלטערט, פאַר דער צייט;
אַלעס נאָר וואָס איך פאַרמאָג:
איז דאָס ליידן פונעם ליבן,
און די ליבע פון די לייד...

איך ברויך ניט די טרייקייט!...

כאָטש כפיל זיך אָפּט עלנט, פאַרשטויסן פאַרלאָזט,
און ווייס ניט ווי איין און ווי אויס,
פאַרשנייט און פאַרגליווערט איז אַלעס פון פראָסט,
דאָך בליט נאָך מיין האַרץ ווי אַ רויז...

איך האַלט מיינע אָרעמס נאָך ווייטער צעשפּרייט,
כאָטש אָפּט שוין פאַרלעשט זיך מיין בליק,
און בין נאָך ווי תמיד פאַר ליבע באַרייט —
פאַר שיינקייט פון יוגנט און גליק...

כאָטש ס'איז מיר דאָס לעבן שוין ביטער באַוווּסט,
צעקנייטשט האָט מיין פּנים די נויט,
דאָך גליט אין מיין האַרץ נאָך די ליבע, און לוסט,
און לאָזט מיך ניט פאַנגען פון טויט....

איך שרעק זיך פאַר גאָרניט דאָ אָפּ אין דער וועלט,
ווייל ס'ערגסטע וואָס קומט דאָס פאַרגייט;
איך ברויך ניט קיין פּערל, בריליאַנטן, קיין געלט,
קיין שלאָס, און קיין יום-טובדיק קלייד.

איך ברויך ניט די פּרויאישע ליבע פאַרצערט,
מיט כלומרשטע טרייקייט באַשטראַלט?
איך טרייקייט און ליבע צופויער נאָך ווערט —
פאַרוועלקט ווי איר לייב, און צעפאַלט....

איך ברויך נאָר אַ האַרץ אַ צעפלאַטערטס וואָס פילט,
און לעבט אויך פאַרחלומט באַפרייט, —
אַזויווי דאָס מיינע, פון ליבע צעשפּילט,
און אייביק פאַר ליבע באַרייט...

מיך שמערצט ניט ווייל ס'האָט מיך צופיל דאָ געקאָסט
מיין לעבן פאַרצווייפלונג און פּיין, —
מיך שמערצט נאָר וואָס כ'האָב דאָ ניט איבערגעלאָזט —
קיין האַרץ וואָס נאָך מיר ס'זאָל פאַרגיין...

כאָטש כ'פיל זיך דאָ עלנט פאַרביטערט געקוועלט,
און ווייס ניט ווי איין און ווי אויס? —
פאַרשנייט און פאַרגליווערט איז אַלץ אין דער וועלט,
דאָך בליט נאָך מיין האַרץ ווי אַ רויז...

דער צער

ווען ס'הייבט אָן דער צער צונאָגן,
און ער לאָזט אַ צייט ניט נאָך, —
דוכט זיך מיר איך וועל שוין טראָגן
מוזן ביז צום גרוב זיין יאָך...

אָבער אַז עס נעמט פאַרשטומען
יעדער סימן פון געפּאַר, —
דוכט זיך מיר שוין מער ניט קומען
קיינמאָל וועט צו מיר דער צער...

האָפנונג

האָפנונג איז דאָס העכסטע גליק,
צו דערטראָגן יעדע פּיין,
פון דער וועלט די גרעסטע בריק
יעדעס אומגליק דורכצוגיין...

מעגן זיין ווי שווער די שלעג,
צו דערגרייכן וואָס מען וויל, —
האָפנונג איז דער קורצסטער וועג,
צו דעם מענטשנס ווייטסטן ציל...

מיין צוואה

ווי אין הארבסט דער רויך פון צווייגן,
וואָס מען צינדט פונאַנד אין וואַלד, —
ציען אָפּ פאַראומערט קאַלט,
מיינע טעג אין גרויען שווייגן.

ס׳וועט דער אָסיען מיך פאַרטרייבן
ווי אַ בלעטל געלב און מאַט, —
צווישן פרעמדע נע ונד,
וועל איך שוין אויף אייביק בלייבן.

אויסגעווייטיקט זיך פון מיען
ווען כ׳וועל האָבן צו דער זעט,
ערגיץ אויף אַ פרעמדן בעט, —
וועל איך מיינע פיס אויסציען...

אפשר גרוילעך אַ מודעה
וועט דערמאָנען זיך אָן מיר;
טרויער לידער אָן אַ שיר —
וועלן בלייבן מיין צוואה...

אויף דעם וועג צו זיך און גאָט...

גורל אָנגעצייכנט האָט
יעדע וואַנדערונג פֿון מיין איך.
שמאָל און בלינד דער וועג צו זיך —
שמעלער, בלינדער נאָך צו גאָט...

אָנגעפּולט מיט אַנונ־שרעק,
צו אַ ברונעם ציטערדיק —
הייבן דורשטיק אויף זיי׳ר בליק,
ווי די לעמער מיינע טעג....

בלאָנקענדיק מיין לעבן לאַנג
אויף דעם וועג צו זיך און גאָט;
גייי ניטווילנדיק פאַרביי, —
איך דעם ברעג פֿון מענטשנוויי,
קניפּט געהיים אַן זייער גאַנג —
אומבאַוווסט זיך אַן מיין טראָט....

שטיל בין איך

(יעקב גלאַטשטיינען מיט פאַרערונג און ליבע)

גלייך אַ פאַרקלונגענער ניגון, —
עס וועקן מיך ווערטער פֿון טרוים;
ווי זילבער צעפּערלטער שוים
שטיל בין איך, שטיל און פאַרשוויגן...

מיד בין איך, מיד צו דערטראָגן,
מיין דריקנדן אומעט און וויי, —
ווי אַלפּן דעם אייביקן שניי,
וואָס קאָנען פאַר הימלען ניט קלאָגן...

גלייך ווי אין אָסיען די בלומען; —
פאַרלאָזן אין האַרצן עס ליגן,
געפּילן פאַרלעבטע פֿון לאַנג,
די זון וועט צו זיי מער ניט קומען, —
און אויך ניט קיין פויגלגעזאַנג,
שטיל בין איך, שטיל — און פאַרשוויגן...

הער ניט אויף דו ווינט צו קלאגן!

הער ניט אויף דו ווינט צו קלאָגן,
לאָז ניט מער די וועלט צו רו, —
מעגסט מיך ווו דו ווילסט פאַרטראָגן,
ווייט, איך ווייס אַליין ניט ווו...

וואָס קאָן ברענגען שוין דער מאָרגן,
וואָס ליגט עלנט און פאַרוויינט, —
ווי אַ שוואַרצע קאַץ פאַרבאָרגן,
אין דעם שימלזאַק פון היינט?...

אפשר נאָך אַביסל ליבן,
איבערלעבט וואָס מ׳האָט שוין לאַנג;
און מען איז דערנאָך געבליבן
אויסגעדראָשן ווי אַ זאַנג...

ווי דער נעכטן וועט דער שפּעטער,
אויף אַ האָר ניט בעסער זיין,
ווייל דער האַרצנסבאַראָמעטער
ווייזט אויף טויט, און צער און פּיין...

הער ניט אויף דו ווינט צו קלאָגן,
לאָז ניט מער די וועלט צו רו, —
מעגסט מיך ווו דו ווילסט פאַרטראָגן
ווייט, איך ווייס אַליין ניט ווו...

מיין בענקן...

כ׳וועל ווי משה ניט דערגרייכן
קיינמאָל שוין דאָס לאַנד פון רו, —
איך וועל שטאַרבן אין די הייכן,
קיינער וועט ניט וויסן ווו...

נאָר ווי יעזוס וועט מיין בענקן
בלייבן איינזאַם און געקוועלט, —
אויף אַ גרויען צלם הענגען
צוגענאָגלט צו דער וועלט...

אויף דעם דאָרניקן וועג...

דער וועג צו מיין האַרצן איז דאָרניק און ווייט,
און האָט ניט קיין אָנהויב, קיין ענד, —
איך ליג אויף דער גליאיקער שוועל פון דער צייט,
פאַרבלוט פון דער זון און פאַרבלענדט...

דער גלויבן אַזויווי אַ שווערער געוויכט,
ער הענגט אָן מיין לעבן און ציט, —
אָפט מאָל אַרויף מיך צו רגעס פון ליכט
וואָס רינען אַריין אין מיין ליד...

אָפט מאָל אַראָפּ מיך אין פינסטערן תּהום
פון טיפער פאַרצווייפלונג און נויט;
אַז כ'קאָן זיך אַפילו ניט מער אינעם טרוים
דערהויבן פון זומפּ און פון קויט...

געזעטיקט פון ליידן, געבויגן פון פּיין,
באַלאָדן מיט ביטערע טעג, —
עס וועלן נאָך טויזנט אַזעלכע פאַרגיין
ווי איך, אויף דעם דאָרניקן וועג...

דו וועסט שפּעטער אַלץ אויסזאָגן...

(עלזע לאַסקער שילער און עריך מיזאַמען פאַר ליבטיקע
מינוטן צעזאַמען פאַרבראַכט אין מינכן).

אַ קוש און אַ טרער, און אַ שמייכל,
אַ ברוגז, צום האַרצן אַ דריק;
אַ דאָס איז פון ליבע דער היכל,
פון גילדענער רויז די מוזיק...

דו זאָלסט זי די רויז ניט צעשיילן,
אין זילבער לבנהקע נעכט, —
וואָס פלעגט דיין נשמה צו היילן,
די זעלביקע רויז אָ, זי שטעכט...

2.

געבענטשט זאָל זיין דיין ווייסע האַנט,
וואָס האָט מיר אָפט די האָר געקרויזט —
פון מידן קאָפּ, דיין זיסער קול
וואָס האָט מיך אָפט מיט רייד געטרייסט.

געבענטשט זאָל זיין דיין הימל אויג,
וואָס האָט מיר אָפט מיט ליכט פאַריאָגט, —
פון שטערן יעדן טונקלן פאַלט,
און מיר קיין איינציק וואָרט געזאָגט...

געבענטשט זאָל זיין דיין ליפּל מילד,
וואָס האָט מיך אָפט מיט ווי געקושט;
און נאָך מיין יעדער גרויער האָר,
פאַרבאָרגן זיך אַ טרער געווישט...

.3

פלעגן מיר אַרומשפּאַצירן
אינעם גאָרטן ערשט ניט לאַנג,
פלעגט דיין האַרץ ווי גילדנע לירן
מיך באַגלייטן יעדן גאַנג....

זעמער ביידע שטיין געבליבן
פאַר אַ פרישער בליט אַ ווייל;
האָט דיין אויג אַריינגעשריבן
אין מיין האַרץ אַ פייער צייל....

טראָג איך אים אַרום פאַרבאָרגן
אין מיין האַרצן צוגעמאַכט,
דאַוון אים אַ יעדן מאָרגן
און אַ יעדן גאָלדפאַרנאַכט....

איינמאָל וויים איך וועסטו קומען
צו מיר פּלוצים נאָך צו גיין, —
ווי דער טוי צו לעצטע בלומען
איידער ס׳נעמט די זון פאַרגיין....

און דו וועסט מיך קושן פרעסן
צו דיין האַרץ מיט שרעק און באַנג,
און דו וועסט מיך ועלן פאַרגעסן
און ניט קאָנען אייביק לאַנג....

.4

דיינע ליפּן, דיינע אויגן,
מיט דיין פּנימל פאַרקלערט,
האָבן לאַנג מיך צוגעצויגן,
און איך האָב דיך לאַנג באַגערט...

ס'האָט געציטערט מיין פאַרלאַנגען
כ'האָב דערגרייכן דיך געוואָלט, —
ס'איז אַזוי מיין טאָג פאַרגאַנגען
ווי אַ שמעטערלינג אין גאָלד...

5.

איך האָב מיט אַ שמייכל אַ זיסן,
געקושט דיך באַהאַרצט און באַגליקט, —
ווען דו האָסט מיין האַרץ מיר צעריסן,
געשפּילט זיך מיט יעדערן שטיק...

און האָסטו דאָס ליד מיר געזונגען,
פון גליקלעכער ליבע און לוסט, —
איך האָב עס מיט טרערן פאַרשלונגען;
און וואָס איך זאָל טון ניט געוווסט...

6.

כ'וועל ניט אייביק דיך באַגערן,
נאָך אַ יאָר, און נאָך אַ יאָר, —
נאָך אַ קנייטש אַריין אין שטערן,
און אין קאָפּ אַ גרויע האָר...

מיינע טעג ווי פייגל פליען
אין סוף זומער ערגיץ ווייט, —
מיינע לעצטע רויזן בליען
אויף מיין גילדנער ליבע־בייט...

7.

איך וועל אַלט זיין כ'וועל זיך וואַרמען
אָן מיין הייסער יוגנט־גלות,
און מיין ליבע־טרוים אומאַרמען,
אפשר וועט מיר דאַן זיין גוט...

וועלן פרירן מיינע גלידער,
מיינע ליפּן ווערן בלוי;
וועל איך זינגען ליבע־לידער,
אפשר זיין וועט גוט אַזוי?...

8.

היי, דו זונענפלאַם דו ריינער,
טראָג מיך אין דיין פייערלאַנד!
און צוגלי מיין הויט און ביינער —
ווי אין מדבר טיף דיין זאַמד...

נעמט מיך ריזן אוראגאנען
שטאַרקער, ווילדער, פאַר די האָר!
און צעטראָגט אויף שבעה ימים
אַלע מיינע לעבנסיאָר...

9.

גאָלד און זילבער איז דיין קלייד,
לילעס ווייסע איז דיין ריקן,
און דיין הויט איז ווייך ווי זייד,
דופטנדיק מיט טויזנט גליקן...

ס'פאַלט מיין קאָפּ אַריין צעגליט
טיף אין דיינע צוויבער אָרעם, —
פיבערט אויף מיין יעדעס גליד,
ווערט מיין האַרץ אַ פייער־טורעם...

פלאַקערט אויף אין מיר מיין בלוט,
פון מיין הארצן פליען שטערן, —
זינגנדיק אַ ליבע-ליד
טיף, פון אייביקע באַגערן...

ווען דו נעמסט מיך שטיל אַרום,
כשופסטו מיך איין אינגאַנצן,
ווי פון ווינט געפליקט אַ בלום —
הויבסטו אויף מיך לייכט צום טאַנצן.

ס'פאַלט פון קאָפּ מיין דערנער־קראַנץ,
פון מיין האַרץ די ספרי תורות, —
פון בראשית דוירט מיין טאַנץ
שוין מיט דיר עד סוף כל דורות...

10

זאָל דיין שיינקייט אַלץ מיר געבן,
פאַר מיין ליבע — וואָס דו האָסט,
ווייל עס וועט זיך אויף דיין לעבן
לייגן באַלד אַ זילבערפראָסט...

דו וועסט שפּעטער אַלץ אויסזאָגן,
אַלץ וואָס דו פאַרשווייגסט אַ צינד;
ווען דורך הוילע צווייגן קלאָגן
ביטער וועט דער אָסיענווינט...

11

ס׳האָט מיין הארץ געגאָסן טרערן,
אָפט ווען ס׳האָט מיין אויג געלאַכט;
האָסט ניט אָפט געוואָלט מיך הערן,
ווען איך האָב נאָך דיר געשמאַכט...

כ׳האָב דיך אָפט ארומגענומען
און באַשאָנקען מיט מיין גליק, —
ס׳האָט מיט קאַלטע בליקן — בלומען,
מיר דיין אויג באַצאָלט צוריק...

.12

אַמאָל בין איך דיינער געווען,
און דו ביסט געווען אויך מיין, —
איך האָב פון דיין פּנים געלעזן —
ווי גליקלעך איך וועל מיט דיר זיין...

דיין פּנים מיט שרומפּן געוואָרן
עס איז און מיט רינצלען באַהעפט, —
דיין שיינקייט זיך נאָר אין זכרון
אַמאָל מיט מיין ליבע נאָך טרעפט...

צו דיר...

קיינן מזרח דעם צעשטראַלטן
האָסטו דיינע הענט צעשפּרייט;
און דער שמאַרץ האָט זיך באַהאַלטן
אין די פאַלטן פון דיין קלייד...

ס׳האָט דער אָונט־ווינט צעבלאָזן
דיין געזעגענונג מיט קלאָג, —
„פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן,
גרויסער גאָט אין הימל זאָג?"

ווען מען האָט דיך שטום געצויגן
אויף דעם קרייץ פון אייביקייט, —
ווי די לעמער דיינע אויגן
האָבן נאָר געבליקט מיט לייד...

ווען פאַר ווי אין זילבער נעפּל
האָסטו שטיל זיך איינגעהילט,
האָט דער אויפגעהעצטער פּעבל
בייז מיט כעס אויף דיר געבילט...

ווען דו ביסט געוואָרן שענער,
לויטערער פון ווי און שפּאָט;
האָט'ס געקלונגען: „נאַצאַרענער" —
שלאָגט אים טויט דעם יודנגאָט!...

ווי די זון אויף בערגער טריבע
שטראַלט אין אָוונט אוים איר גלוט, —
האָסטו אויסגעשטראַלט דיין ליבע
פאַר דער וועלט זיך אויסגעבלוט...

האָב איך דען געקאָנט פאַרמיידן
יענעם שוואַרצן פּעבלס ווּט?
מוז דערפאַר איך אייביק ליידן —
ברידער, פון מיין פלייש און בלוט!...

מיינע טרויריקע געזאַנגען,
רעדן צו דיין דערנער קרוין:
אויף דעם קרייץ ווי דו געגאַנגען
איז פון אונדז ניט איינער שוין...

אייביק אין מיין לייד געדולדיק,
קוקט מיין שרעק אויף דיר אָן רו, —
כ'ווייס ניט ווער פון אונדז מער שולדיק
אין מיין לייד איז, איך צי דו?...

כ'ווייס נאָר אַז איך בין פאַרטריבן
דורך דיין ליבע און געקוועלט, —
און דערפאַר איך קאָן ניט ליבן
דיך — ווי לאַנג מיך ס'האַסט די וועלט...

סוף זומער...

(מיין יוגנטפריינט א. אלמי הארציק במתנה)

נאָך עס גילדן טיף די עפּל,
שוין די רויז זיך נייגט פאַרוויאַנט,
איבער וואַלד און פעלד אַ נעפּל,
ווייט און טרויריק זיך צעשפּאַנט.

אויסגעקושט די גאָלדנע קאָרן
שטייען שוין פון לעצטן שיין, —
ווער ס'איז איצט ניט רייף געוואָרן,
וועט שוין קיינמאָל רייף ניט זיין...

ס'האָט די זון איר גאָלד צעפלאַקערט,
וואָלקנס גרויע נעמען ציַן;
ווער ס'האָט ניט ביז איצט פאַראַקערט,
וועט אים מער שוין גאָר־ניט בלין...

באַלד עס וועלן ווינטן טריבע,
בלאָנקען אום מיט רעגנס שווער;
ווער ביז איצט ניט ס'קאָן די ליבע —
וועט זי שוין ניט קאָנען מער...

נאָר וועט שטיל מיט זיך פאַרבלייבן,
ווי אַ בליט אָן זון פאַרגעלט,
לאַנגע בריוו און לידער שרייבן —
טרויעריקע צו דער וועלט...

אויף די בלעטער און אַלייען,
בלאַנקן אום און זיך פאַרטיפט, —
זוכן ליבע, נאָר און זעען
ווי דער אָסיענרעגן טריפט...

באַלד פאַרוועלקט די לעצטע רויזבליט,
נעפּלן אַלץ פאַרהילן שווער, —
ווער ביז איצט נאָך ס'האָט קיין הויז ניט,
בויט זיך שוין קיין הויז ניט מער...

ס'וואַרט אויף שניט דאָס פעלד, דער פויער,
און די טרויב מיט זיסן ווין;
ווער ס'פאַרמאָגט ניט מער ווי טרויער —
שנײַדן וועט זיין אייגנע פּיין...

הייליק צלמים...

דיכטער ווערזן — צלמים, ליכטער,
גליען פונעם ווײַ אַרויס, —
און אויף זיי פאַרליבטע דיכטער
בלוטן, בלוטן! שטיל זיך אויס...

די עקדות רויכן, פלאַמען,
די מלאכים זענען ווייט...
און דאָס האַרץ אויף ציטערגראַמען,
גליט אַריין אין אייביקייט...

די נשמה טריפט אין דעמער
גיסט דאָס גאָלד אויס פון געמיט, —
ווי דאָס בלוט פון שטילע לעמער,
טריפט פון האַרץ דעם דיכטערס ליד...

ביז דער מידער קאָפּ בלייבט הענגען,
אָנגעטאָן אין דערנער קרוין,
הערט דאָס ליאַרמען ערשט און ס'בענקן
אויף פון גליסטיקן המון...

און עס בלייבט אַרומגענומען
אייביק ס'דיכטער האַרץ פון וויי, —
ווערן זענען הייליק צלמים,
וואָס דער דיכטער שטאַרבט אויף זיי...

פרילינג

עס וועלן באַלד ווידער די גילדענע בינען
צעעפענען די זילבערנע פליגלען און זומען, —
מיט זונשיין פאַרפולטע די קעלכן פון בלומען
זיי וועלן מיט רייציקן דופט איבערינען.

און טיף אין דעם רויזיקן בלויען באַגינען
דער ווינט וועט אַ טרויריקן ברומען צעטראָגן,
נאָך לעבנס מיליאָנען אומזיסטע דערשלאָגן,
פאַרשוויגענע אונטער די גרינע רואינען...

און ווידער די וועלט וועט זיך טובלען אין פאַרבן,
אין גליק פון דער ליבע, אין פרייהייטס באַגערן.
צום אָפּגיין אין אייגענעם בלוט און אין טרערן, —
באַרייט וועלן מחנות זיין נייע צום שטאַרבן,
און דיכטער עס וועלן זיך ווידער פאַרבענקן —
די אַלע געטויטע אין ליד צו געדענקן...

.2

אין מיין האַרצן האָט דער פרילינג זיך אַריינגעריסן
ווי די זונענשטראַלן אין דער טיפקייט פון דער ערט, —
וואָס פאַרליבטער אַלץ מיין האַרץ דאָס בענקענדיקע ווערט,
נעמט מיין לעבן אין מיין וועזנס טיפקייט איבערפליסן...

און איך פיל אין בלוט אַ דופט אַזאַ פאַרשיכורט זיסן,
וואָס צום אומבאַקאַנטן ווייטן, ערגיץ מיך ער ציט, —
אויף די פליגלן פון דער ליבע הויבט מיך אויף מיין ליד
אַז איך זאָל פון גאָלדנעם לעבנס־כוס דאָס גליק געניסן.

העי ס'איז פרילינג! אין צעשפּילטע רוימען, —
שמעטערלינגן פליען, פלאַטערן אין זון אַרום,
ס'הויבט זיך אויף דעם זילבער טוי צו טרינקען שטיל די בלום;
דופטנדיק אַרויס פון זיך די שענסטע ליבעסטרוימען,
צאַפּלט יעדעם האַרץ אויף ווי אַ בין אין זונענשיין,
ווערט פאַרשיכורט פון דער שיינקייט אין זיין איך אַליין...

.3

עס הויבן די בליטלעך שוין ווידער אָן פּיבריק
צו וויגן אין זון זיך פון טויען געשווענקט,
אָ פעלדער צעבליטע, מיין האַרץ איז מיר איבריק,
איך וואָלט עס אייך גערן אַוועק איצט געשענקט...

וואָס דאַרף איך עס טראָגן מיט טרויריקע טריבע
געפילן פון צער און פון שנאה געוועבט?
וואָס אייביק פאַרשטעלן זיי ס'גליק פון דער ליבע,
יוי לאַנג נאָר מען ליבט און באַגערט און מען לעבט....

עס טרילערט די לערכע, דער קערשנבוים ווידער
פאַרהילט זיך אין שלייער פון בליאונג און דופט, —
עס טובלט די וועלט זיך אין זון און אין לידער,
עס פרילינגט, דער קוקו פאַרבאָרגן שוין רופט.

און ווידער דאָס האַרץ ווערט פאַרכשופט געפאַנגען
פון ווייטע באַגערן און גלוסטן צעשפילט,
עס טרוימען זיך צילן און ליבע פאַרלאַנגען,
וואָס קיינמאָל זיי קענען ניט ווערן דערפילט...

אזויוי די קנאספּן, די צערטלעכע בליטן,
כ'וויל בליען און וועלקן אין זוניקן פעלד, —
וואָס דאַרף איך דאָס האַרץ מיינס פון ווייטיק צעשניטן,
פון אומגליק און טויזנטער פּיינען געקוועלט? ...

4.

ווי דער פויער זיינע זוימען
אין דער שוים פון פעלט פאַרשפּרייט, —
טיף דער דיכטער זיינע טרוימען
אין דעם האַרץ פון וועלט פאַרזייט...

פונעם לעבן און פון שטאַרבן,
מיט דעם מאָרגן וואָס באַגינט, —
שניידט דער דיכטער זיינע גאַרבן
ווי דער פויער און ער בינדט...

און מיט לידער ווי דער פויער
טראָגט די זאַנגען פונעם פעלד,
טראָגט דער דיכטער פרייד און טרויער
מיט געזאַנגען פון דער וועלט...

ווי פון פרילינג טיף אין שנייען
ווינטער, ס'טרוימט די ערט פאַרוויגט, —
פונקט אזוי דאָס האַרץ אין ווייען
פונעם דיכטער טרוימט פון גליק...

5.

שוין דער ערשטער פרילינג טרייער
אָנזאָג פונעם פויגלס טרילער,
מאַכט פאַרליבטער מיך און שטילער,
און מיין האַרץ צעפלאַטערט פרייער.

אַלץ וואָס כ'האָב אַמאָל פאַרלוירן
אין מיין האַרצן און מיין זינען, —
נעמט זיך ווידער ביי מיר שפּינען,
ווערט ביי מיר אויפסניי געבוירן...

ס'נעמט ארום מיך א פאַרלאַנגען
אויסגעמישט מיט פרייד און ווייען,
הויבט מיך פּשוט אויף צום שוועבן, —
אַלע מיינע „ליבעלייען",
כ'וואָלט אויפסניי געקאָנט אָנפאַנגען
אזוי ליב האָב איך דאָס לעבן...

.6

איך ווייס ניט ווי לאַנג נאָך מיין טאָג וועט זיך ציען,
צי ס'וועט אים ניט פּלוצים די נאַכט באַלד פאַרהילן ?
איך וואָלט אויף דעם דעמער-פּלייט ענדיקן ס'שפּילן
געוואָלט נאָך די אונטערגאַנגס גאָלד מעלאָדיען.

מיין לעבן געהייליקט פון ווייטיק זאָל קניען
מיט פרומקייט אַזויווי אַ לאַם שטיל אַנידער,
ס'זאָל גיסן זיך ליכט פון מיין האַרצן אין לידער,
ווי ס'גיסט פון דער זון זיך איר פּורפּל פאַרגליען...

איך וויל דאָ אויסדופטן אַזויווי די בלומען —
עס זאָל זיך מיין קורצער, פאַרגענגלעכער לעבן,
צעשיילן ווי בלעטלעך פון רויזן געדולדיק, —
וואָס איך האָב אַמאָל ווען ביי וועמען גענומען
איך וויל עס געצפּלט אַצינד אים אָפּגעבן,
אַז איך זאָל דאָ קיינעם ניט בלייבן גאָר שולדיק....

.7

דורך נויט און דורך טרערן, דורך פּיין און דורך ווייען,
דורך לעבנס מיליאָנען אין בלוט וואָס פאַרשטומען, —
דער פרילינג וועט קומען, דער פרילינג וועט קומען,
דורך ווינט און דורך שטורעם, דורך פראָסט און דורך שנייען...

באַלד וועט פון נצחון זיך טראָגן דער ניגון,
און גיריק אַרום וועלן פויזן די ראָבן,
עס דאַמפט שוין די ערט אויף ווו ס'וועלן באַגראָבן —
באַלד נייע מיליאָנען פאַרבלוטיקטע ליגן...

דער הימל זיך לייטערט צעליכטיקט אין בלויען
און וואָלקנדלעך שאַרן מיט פייגעלעך ציען,
עס טובלן אין פאַרבן זיך בונט די אַרומען, —
דער פרילינג וועט קומען, דער פרילינג וועט קומען ;
דורך פינסטערע נעפּלן וואָס טונקלען און גרויען,
דורך לעבנס מיליאָנען וואָס עלנט פאַרבליען...

8

און ווידער פון בענקן און טרילער און צוויט,
פאַרהילט זיך די וועלט אין אַ שלייער אַ צאַרטן ;
ווי זאָל איך דען פרילינג, דיך פרילינג דערוואַרטן,
אַצינד מיט אַזוי אַ מין פינסטער געמיט ?

שוין שפּראָצן די זוימען צעבליטע און פרום,
אַרוים פון דער ערד מיט די דופּטיקע בליטן, —
ווי קאָן איך דען שפּילן זיך איצט מיט אַ בלום,
ווען ס'ווערן מיליאָנען פון בלומען פאַרשניטן?

די קוויטעלעך זענען מבשר מיין לייד,
די פייגעלען זינגען מיין ווייטיק אין שוועבן,
עס בליען אַרוים אויך פון הארצן פאַרזייט, —
די אַלע רדיפות, נגישות, מיט סמים,
וואָס האָבן דעם חשק גערויבט מיר צום לעבן,
און ס'פּורפּלט די זון פון מיין בלוט אויף אין פלאַמען...

9

מ'האָט אַלעם אוועק דיר גענומען
דאָס קינדישע וואָס ד'האָסט פאַרמאָגט, —
פאַרשיקט דיך, די נאָנטסטע פאַריאָגט,
אויף מער ניט צעזאַם זיך צו קומען...

איז, שלעפּסטו אַרום אויף די דינע,
די פיסלעך זיך ערגיץ דערשראָקן:
אַ קינד, מיט אַ האַרץ פון אַ זקן,
פאַרבענקט אין אַ פרעמדער מדינה...

און קאָנסט מער די פרייד ניט דערפילן —
פון פרילינג ווען ס'בליען די בלומען,
עס יאָמערט פון דיר נאָר דיין לייד...
ס'איז פרעמד דיר דאָס לאַכן און שפּילן
מען האָט דיר דיין קינדהייט גענומען,
דאָס גליק מיט דער זאָרגלאָזיקייט...

10

קוקו, קוקו, פון אַ גרינעם
בוים דאָרט ערגיץ טיף פאַרשטעקט, —
רופט עס היימלעך שוין און ס'וועקט,
איידער נאָך עס נעמט באַגינען.

ווי צעשטויסענע רובינען
פאַלן שטראַלן שפּילעוודיק:
ווי די קלאַנגען פון מוזיק,
בונטע, וואַרמע, און זיי רינען...

אָ, פון וועלכער פרעמד געקומען
ביסטו און צו וועלכער ווייט
ציט עס דיך נאָר אַלץ און ווילסט?
קיינער ווייסט ניט וואָס דו שפּילסט,
אייביק אויף דיין אומרו־פליט,
קוקו, פאַר די לאנקעס בלומען...

11

ווי דיין אומרו, אויך דער מיינער,
קוקו טיירער רינט און פליסט, —
ניט איך וויים צו וואָס דו גליסט,
ניט עס ווייסט מיין גליסטן קיינער...

פרילינג וועקער, הארציק שיינער,
צו דער בלום, און שמעטערלינג, —
רופסטו תמיד — און איך זינג:
דו ביסט מיינער, איך בין דיינער...

ביידע לעבן מיר פאַרבאָרגן,
דו באַהאַלטן אויף דיין בוים,
איך — אין נעפּל פון מיין טרוים;
און מיר וואַרטן אויף דעם מאָרגן:
איינער רופט, דער צווייטער זינגט, —
יעדנס קול אין לופט פאַרקלינגט...

12

קוקו, קוקו, הארציק ליבער
זינגער פון דער זון און מאַי, —
אָ, ווי טוט דאָס הארץ מיר וויי,
ווען עס גייט דער מאַי פאָריבער...

קוקו, קוקו, ב׳צייל און פיבער,
יעדעס עכאָ, יעדן קלאַנג, —
פון דיין רוף וואָס דוירט ניט לאַנג,
און איך ווער אַלץ טרויריק טריבער....

ווי דיין רוף אויך מיין פאַרלאַנגען,
אַזוי טיף פאַרליבט אינטים —
אין מיין הארצן ציט פאַרביי;
קוקו, קוקו, באַלד פאַרגאַנגען
איז דער שענסטער חודש מאַי,
קוקו, מיר אויך שטיל מיט אים....

13

ס׳שמעקט די לופט אַן אויסגעבשמטע
פון די פּאַזשאַמקעס אין וואַלד,
און די קוסטעס איינגעטלט
שימערירן בונט, באַבלומטע.

בינען גאָלדענע, צעזומטע,
שוועבן פלאַטערדיק אַרום, —
ביז זיי פאַלן אויף אַ בלום,
בלייבן רוּן אויף איר פאַרשטומטע...

אַזערעס צעבלויטע ליגן
אינעם טאָל די בערג צופּים;
בליץ-צעלאַזטע וואַסערפאַלן:
גיסן זיך מיט זונענשטראַלן,
טראָגט זיך מיט דעם ווינט אַ ניגון —
אויסגעהויכט פון בליטן זים...

14

מיטיק־צייט. די מיד פאַרשמאַכטע —
לאַנקעס ליגן אומבאַוועגט:
אין חלשות אויסגעשטרעקט,
פון דער היץ ווי אומגעבראַכטע.

אונטערביימער, בלעטער גרינע,
ליגן אויף די בייכער שטיל, —
אַלע קי, אין שאָטן קיל,
אויסבאַהאַלטן פאַר דער חמימה.

מיט דער קילקייט אָנגעטרונקן,
ווידער לאָזן זיך די קי —
ווײַדן אינעם זונענגלי;
מעקען, ווײַדלען, לוסט פאַרזונקן,
פון דער היץ צערייט געוואָרן —
גליסטן אַלע זיך צו פאָרן...

15

איבעראַל עס ליגט די שיינקייט,
אומפאַרגעגלעך אויסגעשפּרייט:
אויף אַ יעדן בוים און בייט,
בליט די געטלעך טיפע ריינקייט...

בין איך דאַנקבאַר יעדער־בשורה
וואָס עס זאָגט מיר אָן דאָס ליכט,
שיינט אַרויס פון מיין געדיכט —
אויך אַמאָל אַ העלע שורה...

הייבט מיין גייסט מיך אויף צום שוועבן
ווי אויף כשופדיקע פליגלען, —
דאַמאָלט אַזוי לייכט און גרינג:
שוועב איך אין די הימלשפּיגלען,
טראַכט ניט פון מיין קורצן לעבן —
ווי אַן איינטאָג שמעטערלינג...

16

ווען ס׳ווערט פול מיט גליק מיין בעכער,
ווי די רויז מיט זונענגלוט, —
לאָז איך פון דער גליקמינוט
אין דער וועלט צוריק אַן עכאָ...

פון דער ערד צו הימלספערן
ווי אַ פּאַלמע הייבט זיך שטיל, —
פון דער ליבע מיין געפיל
אויף און קושט זיך מיט די שטערן...

לייכטנדיק פון לייד דערהויבן,
פון מיר פאַלן שטראַלן מילד,
איבער מיין פאַרגעננלעכקייט;
מיין נשמה האָפט און שפּילט:
אָנגעצונדן פון מיין גלויבן,
מיט דער העכסטער לעבנספרייד...

17

אין אַ טייך די בליטן, קוסטן,
באָדן זיך פון זילבער, און —
ס׳גליט און בליצט און ס׳בלענדט די זון,
ווייזט אַ וועג — דעם אומבאַוווסטן:

וואַנדערער פון הייסע גלוסטן,
צו דער ליבע און צו לייד;
וועקט די אומפאַרגעננלעכקייט
אויף אין זיינע ענגע ברוסטן...

ביז עס וועט די זון אָפּקילן,
מיט איר ליכט ניט מער באַרירן
שטיל די וואָרצלען פון דער וועלט, —
וועט דער וואַנדרער אַלץ נאָך שפּילן:
זיך פאַרבלענדט פון זונקאַלירן
מיט דער ליבע טיף געקוועלט...

ווידער פרידן אויף די וועלט!..

ווידער פרידן אויף דער וועלט...

1

ניט מיך האָבן פריינט פאַרבעטן
אין מיין ווי זיך איינגעהערט,
וועלכעס לאַנד נאָר כ׳בין באַטרעטן
האָט מיין בלוט באַפאַרבט די ערד...

כ׳בין געקומען דאָ אַנטלאָפן,
אומגליק האָט מיך נאָכגעיאָגט, —
ווער עס האָט מיך נאָר געטראָפן
האָט פון מיר זיך אָפּגעזאָגט...

כ׳בין אַליין ארומגעגאַנגן
ניט געפונען מיר קיין אָרט,
און געהאַט נאָר איין פאַרלאַנגן —
צו אַנטלויפן, ווייטער פאָרט.

כ׳האָב באַצוווּנגן זיך צו טראָגן
שווייגנדיק דעם שווערסטן עול, —
ווערנדיק פון נויט געשלאָגן,
שפּלות, עלנט, אָן אַ צאָל....

2

אין דעם לאַנד וווּ כ׳בין געבוירן
האָט געהערשט געוואַלד און מאָרד,
אונטער תּפיסה־קראַטעס, מוירן,
האָט געפיבערט ס׳מענטשן וואָרט...

בלוטיק האָבן שׂנאה־לידער
אויפגעעפנט ס׳קבר־מויל, —
צו פאַרשלינגען מיינע ברידער
אין דעם האַקנקרייץ מיט גרויל...

דאָך געגליט מיין העלדן־יתום
האָט אין יעדן דור פון פּיין,
ווי די זון אַ גרויס שליחות —
כ׳טראָג פון אויף — און אונטערגיין...

שוין אין יעדן לאַנד געהויבן
אויף פאַר פרייהייט כ׳האָב מיין שווערט:
אויסגעשמידט אין פלאַם פון גלויבן
וואָס פאַראַסט ניט קיינמאָל ווערט....

3

ס׳איז פון ביטערקייט און צאָרן
אָפּט געוועזן מיר אַלץ פאַרהאַסט,
און דאָס לעבן איז געוואָרן —
מיר פאַרעקלט און צו לאַסט.

תמיד פלעג איך טיף צו טרוירן
אין מיין ווערן נע ונד, —
ווייל כ׳האָב אַלעם אָנגעווירן
וואָס איך האָב נאָר ווען געהאַט...

שוין געטרונקען אַלע סמים
כ׳האָב פון יעדן המנס כוס,
רוישן בלוט און טרערן ימים —
אין מיין יעדן וואָרט און אות...

אַ ווי לאַנג דען נאָך צו ליידן
אָן אָן אויפהער איז דער שיעור?
ס׳קאָן דאָס בלוט פון עלטערזיידן
ניט איינשטילן זיך אין מיר...

4

ניט די תפיסה און דער שייטער,
ניט די תליה, געטאָ־נויט, —
האָט צעוואַקלט מיר מיין לייטער
וואָס צום הימל שפּאַרט זיך רויט...

אויף די וועגן אומבאַקאַנטסטע
בלוט געפלייצט האָט אונדזער קוואַל; —
יאָ די ווייטסטע, און די נאָנטסטע,
זענען מיר דאָך איבעראַל...

וועלכן מענטש ניט אַלץ פאַרגעטערט
זוכנדיק כ׳האָב הילף אין ווייט, —
וועלכן גאָט ניט אַלץ צעשמעטערט
האָב איך אין פאַרצווייפלונג לייד...

כ'בין שוין אָפּט פון וועג אַרונטער
פונעם וואַנדערן דערשעפּט,
דאָך איך גיי ניט קיינמאָל אונטער
ווי מיין פאָלק וואָס אייביק לעבט...

5

(צו דער ערשטער יאָרצייט נאָך די
וואַרשעווער קדושים.)

טאָג פון צרות און פון פּיינען
טאָג פון בייז און שווערסטן גזר,
טאָג פון טרויערן און וויינען,
טאָג פון אונדזער גרעסטן צער...

וועט דען קיינמאָל שוין ניט ווערן
אונדזער הימל אויפגעהעלט, —
איינגעשטילט דער ים פון טרערן,
ליכטיק, פרייער, אונדזער וועלט?!

טאָג וואָס מ'האָט אונדז אויסגעשניטן,
ווי די הילפלאָז שוואַכע שאָף,
און דאָס לעבן אונדז פאַרביטן —
אייביק אויף אַ תשעה באב...
טאָג פון אומעט, טויט און טרערן, —
אַ ווען וועסטו שוין אויפהערן?...

6

מיט אַן אויג אַ טיף פאַרטרערטן,
און אַ ווונדיק האַרץ פון טרויערן, —
שעצט ערשט איבער זיינע ווערטן
דער, וואָס האָט זיי אָנגעווווירן...

איך האָב אַלעס שוין פאַרלוירן
וואָס איך פלעג אַמאָל צו האָבן,
אַ ווער ווייסט ווי לאַנג ס'וועט דוירן
ביז כ'וועל אַלץ אין האַרץ באַגראָבן?...

דער באַקלאָגטער, און דער קלאָגער,
דער באַגראָבענער און גרעבער, —
אַ דאָס אַלץ בין איך אַליין;
און דער דורות קדיש־זאָגער,
אָפּטמאָל אויך דער שוואַרצסטער וועבער —
פון מיין אייגנעם צער און פּיין...

7

פון דער תוכחה די קללה
אין מיין האַרץ איז איינגעשניטן,
וואָס איך האָב ניט אַלץ געליטן
איז געוועזן דאָס לבטלה...

אין אַ תמידער בהלה
איז מיין לעבן רייף געוואָרן,
בלוט און טרערן, צער און צאָרן —
אָן אַ סוף און אָן התחלה...

דאָך ניט אויפגעהערט צו וועבן,
אין די בלוטיק שווערסטע צייטן,
כ׳האָב מיין הייליק גרויסן חלום —
פונעם יושר, ליבע, שלום,
און אַ גליקלעך פרייען לעבן
וואָס לעבט איבער אַלע צייטן...

8

ס׳ליגט אין מיר די שרעק פאַרבאָרגן
פון פאַרצווייפלטע מיליאָנען, —
דורך די פינסטערע לעגיאָנען
הילפלאָז, עלנדיק דערוואָרגן...

ווען איך וועל דאָס אויג פאַרמאַכן
און ס׳וועט שטויב פון מיר פאַרבלייבן,
וועט די אימה ערשט אָנהויבן
אין אַ נייעם דור דערוואַכן....

פון די שוואַרצע גאַזפאַבריקן,
און די אויוונס צום פאַרברענען,
אויגן מיט פאַרדרייטע בליקן, —
אָנגעצונדן פון גיהנום.

האָבן אונדז געמאָנט, געבעטן:
אַז עס זאָל די וועלט זיי רעטן...

9

נאָר די וועלט איז טויב געבליבן
צו דעם מאָנען און דעם בעטן, —
צוגעקוקט ווי מ'האָט געטרעטן:
די וואָס מ'האָט צונויפגעטריבן...

אויף רחמנות, און אויף ליבן —
איז געוועזן מיט זיבן שלעסער:
ביז פאַרמאַכט איר האַרץ, ביז ס'מעסער —
האָט צום לעצטן זיך פאַרקליבן...

ס'האָט דאָס ברודער־בלוט געשריגן —
אויף נקמה אָפּצונעמען,
איינצושטילן ס'מאָרדן, רויבן;
נאָר די וועלט האָט שטום געשוויגן!
און ס'איז ניט געווען אָן וועמען —
אויף דער גאַנצער וועלט צו גלייבן...

10

כ'הער די פרידנמוזיק שפּילן,
און די פענער פאָכן, ווייען,
כ'וואָלט געקאָנט אַצינד זיך פרייען,
פשוט אויסגיין פון געפילן!

אַז מיין ווייטיק איינמאָל שטילן
זאָל זיך כאָטש פאַר אַל די ליידן, —
וואָס ער פלעגט אַדורכצושניידן
ווי אַ קלונג מיין לעבנסווילן...

נאָך ניט אויפגעהערט צו רינען —
האָט דאָס בלוט פון אַלטע וווּנדן,
אין מיין פינסטער האַרץ פאַרבאָרגן;
מוז איך פרישע שוין פאַרבינדן,
וואָס איך האָב אויפסניי געווינען —
ווידער פון דעם פרידנס־מאָרגן...

11

כ׳הער נצחון סאַלוון קראַכן,
צאַפּלט ס׳האַרץ אויף פון באַגערן, —
ס׳ציט צום וויינען מיך און לאַכן,
פּשוט צום משוגע ווערן!

ס׳טאַנצט די פרייהייט פול בטחון,
אויף דעם קבר פון דעמאָנען;
ס׳לאַכט דאָס אויג מיינס פון נצחון —
ס׳וויינט דאָס האַרץ מיינס אויף מיליאָנען...

פאַקלען און ראַקעטן שיינען,
מאַסן־יובל מיט מוזיק —
הילכיק זיך צעזאַמענגיסן;
ס׳נעמט צום לאַכן מיך און וויינען,
באַלד מיין האַרץ פון צער צעריסן, —
באַלד פאַרשיכורט פונעם גליק...

12

וואָס וועלן דען מיר שוין געווינען,
ווען זיין וועט אַ פולער דער זיג, —
צי וועט אונדזער בלוט דען ניט רינען,
באַלד ווידער אויפסניי אין אַ קריג?

ווען וועט זיך דער גייסט שוין דער פרייער,
אויפהייבן פון חושך מיט מוט, —
צי וועלן דען אייביק מיר ס׳פייער,
פאַרלעשן מיט טרערן און בלוט?

אָ, ווען וועט דער גייסט שוין פון פלאָגן,
אַרויס ווי פון זונשיין אַ בליט;
און גאָלדענע פונקן אויסשלאָגן
פון טונקלסטן מענטשנס געמיט?
אין ליבע צוזאַמען צושמידן, —
די מענטשן אין אייביקן פרידן...

13

ס׳דריקט אין האַרצן אַ באַגערן,
פון צוויי טויזנט יאָרן פּיינען, —
איינמאָל עס אַרויסצווויינען
מיט די בלוט פאַרסמטע טרערן...

וואָס פון אונדז וועט אַלץ נאָך ווערן,
און וואָס ס'איז פון אונדז געוואָרן;
ווי אַ שלאַנג אין האַרץ דער צאָרן —
וויל צו נאָגן ניט אויפהערן...

טרערן, טרערן, בלוט און טרערן!
אָן אָן אויפהער וואָס זיי פליסן,
ערגיץ ווו אין תהום אַריין, —
זאָלן איינמאָל מיט דעם שווערן
צאָרן זיך צעזאַמענגיסן
און אויסמבלן אונדזער פּיין!....

14

אַלס כּמעט שוין פריש צו שפּירן
אַ באַגייסטערונג אין בלוט, —
איז, ווי ס'וואָלט פרימאָרגנסגלוט
ניי באַגילדט די לעבנסטירן....

ס'הערט זיך אויף דער ווייטיק פילן,
ווידער פּאַר אַ ווייל כ'ווער יונג...
און די גאָלדנע האָפענונג —
נעמט אויפסניי אין האַרץ מיר שפּילן...

אויף דער וועלט איז ווידער פרידן,
יעדעס טונקלסטע געמיט —
פונעם אומגליק נעמט דערוואַכן;
מיך באַגלייטן שריט אויף טריט —
זעקס מיליאָן געטויטע יידן,
לאָזן מיך קיין אויג צומאַכן!

15

מיידל שיינע אומבאַקאַנטע,
פּאַר אַ ווייל דיך נאָר דערבליקט, —
נאָכאַמאָל פון ליבע ס'גליק
האָט דערפילט מיין האַרץ ס'פאַרוויאַנטע...

ווי אַ בליץ דו ביסט געקומען
אויפצולייכטן מיין געפיל,
מיט אַ קוש צעפלאַמט און שטיל —
ס'לעבן מיינס אַרומגענומען...

פון דער ליבעס־גלוט באַגאָסן,
אַזוי דופּטנדיק און גרויס
האָט מיין האַרץ זיך אויפגעשלאָסן —
ווי פון זונענשיין אַ רויז.
איינגעפּלאַנצט האָט טיף דיין גוף:
אין מיין בלוט אַ ליבעס רוף...

16

דאָס איז ניט די פרייד פון שכירות
פאַר ביליקע גראָשנס געגעבן,
דאָס איז זי די פרייד פונעם לעבן —
צעיובלט אין טויזנטער זמירות.

די בליטן די קאַלטסטע דערוואָרמען
זיך מוזן אַפילו פון ווייטן, —
איינער נעמט קושן דעם צווייטן,
און יעדער די וועלט וויל אומאַרמען...

פאַרלאָשן די שרעק, די בהלה,
און האָפנונגן נייע באַגינען...
דער טויט האָט פאַרשפּילט זיין ממשלה!
האָט ס׳לעבן אויף אייביק געווינען...
דאָס שפּילט עס אויף הערצער ווי לירעס —
דעם זיג אויס מיט פריידיקע זמירות...

17

פון דעם בונטן פאָלקסגעווימל
שטרומט די ליבע מיט געגנוס —
ווי אַ פריי צעלאָזטער פלוס
פרילינגדיק צעשטראַלט פון הימל....

כ׳האָב דאָס האַרץ מיינס ווי אַ בלימל
פון מיין ברוסט אַרויסגעריסן, —
און אין פאָלק אַריינגעשמיסן,
אַז אויפקלינגען ס׳זאָל צום רימעל....

גליק און דופּט מיט פאַרבנקלאַנגען
זיך ווי שטראָם מיט שטראָם פאַרוועבן
אין דער פרייער פאָלקסנאַטור...
אויס די נאָטן פונעם לעבן,
שפּיל איך אויס מיין העכסט פאַרלאַנגען
אויף דער מאַסעס קלאַוויאַטור...

18

פון ראקעטן גאָלדנע שלאַנגן
לייכטן פורפורדיק צעהעלט.
ווידער פרידן אויף דער וועלט:
יובלען הערצער מיט געזאַנגען!

און די גליק און פריידנקלאַנגען
גיסן אַלע זיך צענויף —
אין אַ ברויזנדיקן לויף,
טיף צעווירבלט פון פאַרלאַנגען.

נאָך אַזויפיל שרעק און ליידן,
טויט, און פינסטערניש געדיכט —
אַזאַ גאָלדנער ים מיט ליכט;
אַזאַ טיפער קוואַל פון פריידן
שפּרודלט בליצפּול אויפגעהעלט:
ווידער פרידן אויף דער וועלט!...

19

טויזנט יאָר אפילו לעבן
אינעם פרידנספרייד פאַרוועבט, —
קאָן אַזויפיל גליק ניט געבן
וויפיל מאָרד שוין מ׳האָט דורכלעבט....

קאָנען מיר דען צריקגעווינען,
וואָס מיר האָבן שוין פאַרשפּילט?
אַז אין בלוטיקע רואינען,
אונדזער זיין איז נאָך פאַרהילט?....

1945.